# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

### בתוך דרשת ז' אדר תשע"ח לפ"ק

תכלית חיי האדם בעוה"ז • עבודת ה' בשמחה ובחיות • הכנעה לחכמי ישראל ולשמוע לדבריהם, והינוך הבנים לזה • נשאת ונתת באמונה • זהירות בנגיעת ממון חבירו • ירושה וצוואה עפ"י תורה לפשר סכסוכי ממונות בדרכי נועם, ולהימנע ממחלוקת מבין בני משפחות ושותפים איסור הליכה לערכאות • ההשתמשות בכלי הטעכנעלאגיע

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**דער** פסוק אין די מגילה פארציילט וויאזוי אחשורוש איז געווארן איבערגערעדט צו פארטיליגן אידן, ויאמר המן למלך אחשורוש (אסתר ג-ח), המן האט געזאגט פארן קעניג, ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים, ס'איז דא א פאלק וואס זענען צושפרייט צווישן די פעלקער, ודתיהם שונות מכל עם, זייערע געזעצן זענען אנדערש פון אלע פעלקער, ולמלך אין שוה להניחם, ס'איז נישט כדאי פאר'ן מלך אז ער זאל זיי לאזן. זאגט די גמרא אין מסכת מגילה (יג:) אמר רבא, ליכא דידע לישנא בישא כהמן, ס'איז נישט דא נאך איינער וואס האט געקענט אזוי שלעכטס רעדן אזוי ווי המן. אמר ליה, ער האט געזאגט פאר'ן קעניג, תא ניכלינהו, לאמיר גיין מכלה זיין כלל ישראל. אמר ליה, האט אים אחשורוש געזאגט, מסתפינא מאלקיו, איך האב מורא פון זייער ג-ט, דלא ליעביד בי כדעבד בקמאי, ער זאל נישט טוען מיט מיר אזוי ווי ער האט געטוען מיט די פריער'דיגע שונאים פון אידן וואס דער אייבערשטער האט זיך אפגערעכנט מיט זיי. אמר ליה, האט אים המן געזאגט, ישנו מן המצות, זיי זענען פארשלאפן פון די מצות, זיי זענען נישט מקיים די מצות, און דער אייבערשטער וועט דיך נישט שטראפן אויב דו וועסט פארלענדן אידן. אמר ליה, האט ער אים געזאגט, אית בהו רבנן, ס'איז דא צווישן זיי תלמידי חכמים, זיי האלטן יא די תורה. זאגט דער מהרש"א, און זיי זענען מגין מיט זייער זכות אויפן כלל ישראל. אמר ליה, האט אים המן צוריק געענטפערט, עם אחד הן, זיי זענען איין פאלק, די חכמים זענען אויך נישט מקיים די תורה אזוויי די איבריגע זענען נישט מקיים. און דאס האט צוגעברענגט דערצו אז אחשורוש האט מסכים געווען צו די גזירה.

**ס'איז** א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, אין גלות בבל זענען געווען חכמים וואס זענען געווען גדולים בתורה, שטייט אין פסוק (מלכים ב כד-טז), ס'איז געווען צווישן זיי, החרש והמסגר אלף, ס'איז געווען טויזנט חרש ומסגר, הכל גבורים עושי מלחמה, זאגט די גמרא אין סנהדרין (לח.) שהיה ביניהם אלף חכמים גדולים כל כך, טויזנט אזעלכע גרויסע חכמים, שכיון שפותחים הכל נעשו כחרשים, ווען זיי האבן אנגעהויבן צו רעדן אין דברי תורה איז יעדער געווארן אזוי ווי טויב, קיינער האט זיך נישט געטרויט צוריק צו ענטפערן. כיון שסוגרין בהלכה, א הלכה וואס זיי האבן פארמאכט אז מ'קען אין דעם מער נישט מפלפל זיין, שוב אין פותחין, איז נישט געווען ווער ס'זאל עס קענען עפענען. החרש, זיי האבן געמאכט אנדערע חרשים ווען זיי האבן גערעדט אין תורה, און המסגר זיי האבן פארשלאסן די הלכות. ווי קען זאגן המן פאר אחשורוש אז עם אחד הם, ס'איז איין פאלק, זיי זענען נישט מקיים די תורה, מ'רעדט פון טויזנטער, עס זענען געווען חרש והמסגר וואס זענען אראפגעקומען אין גלות בבל, יעדער איינער פון זיי האבן איבערגעלאזט מסתם צענדליגער תלמידים, ווי קען זיין אז זיי זענען געווען ישנים מן המצוות? — און ביי אידן אליין איז דאך אודאי געווען אסאך שומרי תורה ומצוות, קען מען דען זאגן א כלל, אז ישנו מן המצות, מ'האלט נישט קיין תורה, ווי קען המן זאגן פארן מלך א ליגנט וואס ס'איז א מילתא דעבידא לגלויי.

## התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין

**קען** זיין די כוונה, ביי שומרי תורה ומצוות איז דא צוויי ערליי סארט אידן. ס'איז דא אזעלכע וואס פארשטייען

דעם תכלית פאר וואס א מענטש לעבט אויף די וועלט, ער איז מכיר אז ס׳איז דא א העכערע ציל אינעם לעבן פארוואס דער מענטש געפינט זיך דא. ס׳איז לא יעלה על הדעת אז א מענטש געפינט זיך אויף די וועלט נאר כדי צו פארברענגען זיין לעבן, מיט עסן און טרינקען און תענוגי הגוף אויף זיבעציג יאר, און נאכדעם שטארבט ער, און ער גייט צוריק, וישוב אל העפר כמו שהיה. דאס איז די לעבן פונעם מענטש? וועגן אזא נאריש לעבן האט דער אייבערשטער באשאפן א מענטש אויף די וועלט? און וואס וואלט געפעלט פארן מענטש ווען ער וואלט אינגאנצען נישט באשאפן געווארן, וואלט ער דאך נישט געדארפט האבן די תענוגים? וואס איז דער תכלית פון די בריאה וואס דער אייבערשטער האט אונז באשאפן. א מענטש קלויבט צוזאם געלט הון ועושר זיין גאנץ לעבן, אפילו איין טאג האט ער נישט קיין מנוחה, טירדות און דאגות אָן א שיעור, און צום סוף לאזט ער אלעס איבער דא. אין מלוין לו, ס׳טוט אים נישט מלוה זיין, לא כסף ולא זהב, ער נעמט נישט מיט זיך גארנישט, אלעס אויף וואס ער האט זיך געפלאגט בלייבט דא איבער. ער לאזט עס איבער פאר זיינע קינדער, און וואס וועלן די קינדער טוען, זיי וועלן זיך זיבעציג יאר מתענג זיין דערמיט און זיי וועלן עס אויך איבערלאזן שפעטער. איז דען מעגליך צו זאגן אז פאר אזא נאריש׳ן תענוג האט דער אייבערשטער באשאפן א וועלט מיט מענטשן...?

**מוז** על כרחך זיין, אז **ס׳איז דא א העכערע ציל אין אונזער לעבן. די וועלט איז נאר א פרוזדור, ס׳איז נאר א דורכגאנג, מיר זאלן קענען פון דעם אריינגיין לטרקלין אין דעם גרויסן זאל. ס׳ווארט אויף אונז חיי נצחיים, לעבן וואס ס׳איז שטענדיג, אין עולם הבא, וואס אהין אריינצוגיין קען מען נישט, נאר ווען מ׳גייט אדורך די וועלט און דא איז מען מקיים די מצוות פונעם אייבערשטן, און לויט דעם איז מען זוכה שפעטער אריינצוקומען אין עולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, מ׳דארף זיך צוגרייטן דא אין דעם פרוזדור, ווייל נישט דאס איז אונזער ציל צו זיין דא, אונזער ציל איז, אנצוקומען צו דעם טרקלין, און צו דעם דארפן מיר אדורכגיין קיום המצות אויף דעם עולם.** מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (עבודה זרה ג.), דארט איז מען נישט זוכה אריינצוקומען נאר ווער ס׳האט זיך מטריח געווען דא אויף די וועלט.

**ווען איינער פארשטייט דאס, נוצט ער אויס יעדע רגע פון זיין לעבן נאר פאר עבודת השם, ער פריידט זיך אויף די זכיה וואס ער האט, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אז ער האט די מעגליכקייט צו באדינען דעם אייבערשטן און מקיים זיין די מצוות השם.**

## מה אנו מה חיינו

**מיר** זאגן יעדן טאג ביים דאווענען [מ׳זאגט עס איבער טאג נאך טאג], לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי, א מענטש זאל זיין א ירא שמים ווי ער געפינט זיך, וישכם ויאמר, ער זאל אויפשטיין און זאגן, מה אנו ומה חיינו, וואס זענען מיר, און וואס איז אונזער לעבן. מ׳דארף זיך אפשטעלן, זיי דיך מתבונן, מה אנו וואס איז דער מענטש, מה חיינו, וואס איז דער תכלית פון אונזער לעבן, שטעל דיך אפ אויף א מינוט און טראכט וואס טוסטו דא... פארוואס געפינסטו זיך דא אויף דעם עולם, אויף וואס פארא צוועק ביזטו באשאפן געווארן? כי רוב מעשיהם תוהו, רוב מעשים פון די וועלט איז תוהו, וימי חייהם הבל, דאס לעבן וואס דער מענטש גייט אדורך אלעס איז אנגעפולט מיט נארישקייטן. וועגן דעם תוהו און דעם הבל געפינסטו זיך דא. דרייסט זיך ארום אויף די וועלט אז דו זאלסט אנברענגען דיין צייט אזוי ווי קינדער וואס שפילן זיך ארום מיט זאכן וואס האבן נישט קיין אמת׳דיגן תועלת, אזוי פירסטו אפ דיין לעבן כדי דו זאלסט האבן תענוג פון חיי שעה...? זיי דיך מתבונן, מה אנו, וואס איז דער מענטש, און מה חיינו, וואס איז דער ציל פון אונזער לעבן, פארוואס מיר געפינען זיך דא, ווען ס׳איז רוב מעשיהם תוהו, און ימי חייהם איז הבל לפניך.

**אבער** מיר ענטפערן מיר אויף דעם נאכדעם, אמת, די לעבן פון גוים אומות העולם איז תוהו והבל, ליידיג! ביי אונז איז אבער נישט אזוי. אונזער לעבן איז נישט הבל, **ס׳איז נישטא ביי אונז קיין טייערערע און קיין חשוב׳ערע זאך ווי דער לעבן פון דעם מענטש. אין די טעג וואס מיר געפינען זאך דא, טוען מיר איינקויפן, טוען מיר אוועקלייגן טאג טעגליך עולמות פון חיי נצחיים, וועלטן פון חיי נצחי.** אבל אנחנו עמך בני בריתך, ביי אונז איז נישט רוב מעשיהם תוהו, עס איז נישט ימי חייהם הבל, אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתינו, אשרינו שאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואומרים שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד. מיר דאנקן פארן אייבערשטן ׳על חיינו המסורים בידך׳, אויף די מתנה טובה וואס דו האסט אונז געגעבן, דו האסט אונז געגעבן לעבן. דער גרעסטער חסד וואס דער אייבערשטער האט געקענט מיט אונז טוהן, אז ער האט אונז אראפגעשיקט אויף די וועלט, און אונז

געגעבן א מעגליכקייט מיר זאלן קענען צוקומען צו חיי עולם הבא. די געוואלדיגע חסד וואס ס׳איז דא אינעם לעבן פון א איד, וואס ער איז מכיר אז ס׳איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ה׳ אלקינו ה׳ אחד, און טאג נאך טאג קויפט ער זיך איין נאך און נאך פון חיי עולם הבא, וואס יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה — דאס איז דער תכלית פון דעם לעבן פונעם מענטש!

**דאס** איז איין סוג אידן וואס לעבן מיט דעם געדאנק שטענדיג, זיי וייסן אז הבלי עוה״ז איז גארנישט, מ׳דארף יעדן טאג ארייכאפן וואס מ׳קען טוהן נאך א מצוה, נאך א דבר טוב, און דאס איז דער ציל פון זייער לעבן.

## תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה

**ס׳איז** אויך דא א צווייטער סארט איד. פשוט׳ע אידן, זיי האבן נישט זוכה געווען צו אורה של תורה, וואס כאטש זיי זענען שומרי תורה ומצוות, ער קומט יעדן טאג דאווענען, און ער האלט שבת, ער איז מחנך די קינדער א.א.וו. אבער זייער חומר הגוף טוט זיי מטעה זיין, ס׳טוט זיי פארפירן, אז זיי זאלן זיין ארייגעלייגט ראשו ורובו אין הבלי עולם הזה, דער גאנצער קאפ ליגט אין געשעפטן און אין ביזנעס א.א.וו. דאס איז זייער ציל אין זייער לעבן. דעם גאנצן טאג זענען זיי נאר פארנומען מיט דעם. ער שטייט אויך אויף צופרי און קומט אין ביהמ״ד, אבער זיין ערשטע מחשבה ווען ער שטייט אויף צופרי איז: וואס קען איך היינט פארדינען... וואס קען איך היינט מרוויח זיין... וואס קען איך היינט זיך מתענג זיין... וואס קען איך האבן נוצן פון מיין לעבן... נאר, איך בין דאך א איד אויך, מוז איך דאך קודם גיין אין ביהמ״ד דאווענען, און איך דארף מקיים זיין די מצוות וואס ליגט אויף מיר, אנצוטוען טלית ותפילין א.א.וו. אבער דאס איז נישט זיין עיקר לעבן, מלאכתם עיקר ותורתם טפל. מלאכתם דאס איז דער עיקר, די גאנצער קאפ און מחשבה ליגט נאר אין הבלי עולם הזה, און בדרך אגב מוז ער טוען מצוות אויך, ער איז דאך א איד, טוט ער וואס ער דארף צו טוען. קיום מצוות ביי זיי איז אָן א חיות. ס׳איז כמצוות אנשים מלומדה, וויא א מענטש איז צוגעוואוינט, אן עול וואס מ׳האט ארויפגעלייגט אויפן האלדז, ער דארף באצאלן די מס וואס דער מלך האט פארלאנגט פון אים, און נישט מער.

**אויף** דעם איז די תורה אונז מזהיר, תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל (דברים כח-מז), ס׳פעלט די שמחה, ס׳פעלט די חיות בשעת מ׳דינט דעם אייבערשטן, כמשא כבד ליגט עס אויף אים, א שווערע לאסט וואס מ׳האט אויף אים ארויפגעלייגט, און אויף דעם זאגט די תורה די תוכחה, ווייל דו האסט נישט געדינט דעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבב.

## ׳ישנים הם מן המצוות׳, שמקיימים המצות בלי חיות ושמחה

**ליכא** דידע לישנא בישא כהמן, ס׳איז נישט דא נאך איינער וואס האט געקענט אזוי שלעכטס רעדן אזוי ווי המן. המן האט געזאגט פאר׳ן מלך, אמת, אידן זענען מקיים די מצוות פונעם אייבערשטן, אבער ׳ישנים הם מן המצוות׳, זיי זענען פארשלאפן פון די מצוות, זייערע מצוות וואס זיי טוען, זענען אן חיות, אן א שמחה, ווי א מענטש וואס איז פארשלאפן וואס זיין הארץ איז נישט מיט אים צוזאמען, אזוי פירן זיך אויף אידן, זיי זענען ישנים מן המצוות, זיי זענען פארשלאפן און אזוי זענען זיי מקיים די מצוות. דארפסט נישט מורא האבן אז ווען דו וועסט מכלה זיין אידן וועט דיך דער אייבערשטער מעניש זיין, ווייל אויף דעם האט דאך דער אייבערשטער אונז געזאגט די תוכחה אז ער וועט מסתיר זיין פניו פון אידן תחת אשר לא עבדת את השם אלקיך בשמחה ובטוב לבב, ס׳איז דא אן הסתרת פנים פון אידן, אז מ׳דינט דעם אייבערשטן מ׳טוט וואס מ׳דארף, אבער ס׳פעלט דער חיות עס איז ישנים מן המצוות, דארפסטו נישט מורא האבן אז דער אייבערשטער וועט זיך אפרעכענען מיט דיר.

**נו** אחשורוש איז נאך אלץ נישט געווען צופרידן, זאגט ער פאר המן, אית בהו רבנן, ס׳איז דא צווישן זיי חכמי ישראל ערליכע אידן, צדיקים, החרש והמסגר און זייערע תלמידים געפינען זיך דא, און דער זכות פון די צדיקים וואס זיי טוען פארברענגען זייערע טעג און נעכט אין תורה, איז דאך זייער חשוב אויבן, און זיי מיט זייער ערליכקייט זענען מגין אויפן כלל ישראל, און איך האב נאך אלץ מורא, דלא ליעביד בי כדעבד בקמאי, אז איך וועל מכלה זיין אידן וועט זיך דער אייבערשטער מיט מיר אפרעכענען, ווייל די ערליכע אידן די צדיקים וואס ס׳איז דא צווישן זיי, די טוען מגין זיין אויפן כלל ישראל.

## המבזה תלמידי חכמים אין תרופה למכתו

**מ׳געפינט** אין די גמרא אין מסכת שבת (קיט:) אמר ר׳ יצחק לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהושוו קטן וגדול, ירושלים איז חרוב געווארן ווייל מ׳האט משווה געווען א גרויסן מיט א קליינעם צוזאמען, זיי זענען אייניג, והיה כעם ככהן (ישעיה כד-ב), מ׳האט נישט געגעבן

קיין חשיבות פאר א גדול, ער איז אזוי ווי דער קטן, אויף דעם זאגט דער פסוק הבוק תבוק הארץ, אז וועגן דעם וועט חרוב ווערן ירושלים. אמר רב יהודה, לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים, ירושלים איז חרוב געווארן ווייל מ׳האט מבזה געווען תלמידי חכמים, שנאמר (דברי הימים ב לו-טז) ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים, זאגט דער פסוק זיי האבן פארשעמט מלאכי אלקים, ובוזים דבריו, זיי האבן מבזה געווען זייערע ווערטער, ומתעתעים בנביאיו, זיי האבן מתעתע געווען די נביאים פונעם אייבערשטן, עד עלות חמת ה׳ בעמו עד לאין מרפא, דאס האט ארויפגעברענגט דעם צארן פונעם אייבערשטן אזוי שטארק אז ס׳האט נישט קיין רפואה. מאי עד לאין מרפא, וואס טייטש ס׳האט נישט קיין רפואה? אמר רב יהודה אמר רב, כל המבזה תלמידי חכמים אין לו רפואה למכתו. ווען א מענטש איז מבזה תלמידי חכמים זאגט די גמרא, אין מרפא, אויף זיין מכה איז נישטא קיין רפואה.

**דער** מהרש״א איז מסביר און זאגט, א מענטש זינדיגט, זיין לעצטע האפענונג וואס ער האט, ער זאל זיך קענען אמאל צוריקכאפן פון זיין וועג ווי ער גייט, איז ווען איינער וועט אים צואווייזן דעם וועג אז ער איז פארבלאנדזשעט, און ער פירט זיך נישט אויף ווי ס׳דארף, ער דארף טוישן זיין מהלך, דער וועט קענען אויף אים משפיע זיין ער זאל חוזר בתשובה זיין. ער גייט אמאל הערן א דרשה פון א חכם, און די דרשה האט געמאכט ביי אים א רושם, ס׳איז געווען דברים היוצאים מן הלב, ס׳איז נכנסים אל הלב, ס׳איז אריינגעגאנגען לתוך תוכו, און ס׳טוט אים צוהעלפן ער זאל זיך מחזק זיין, ער זאל קענען אוועקגיין פון זיין שלעכטע וועג ווי ער פירט זיך, **דאס איז די איינציגע האפענונג וואס א בעל חוטא קען נאך האבן, אז איינער וועט אים אמאל אויפקלערן, ער וועט אמאל הערן א מוסר שמועס וכדומה און ס׳וועט אים צוריקברענגען אויפן פלאץ.**

**אבער** אויב דער חוטא איז אזוי געפאלן, ער איז פון די מלעיבים במלאכי האלקים ובוזים דבריו, ער טוט פארשעמען די וואס טוען מוכיח זיין, ס׳האט נישט קיין חשיבות די ווערטער וואס ער הערט, איז אין תרופה למכתו, לאין מרפא, ער האט מער נישט קיין האפענונג, ווער וועט דיך צוריקברענגען אויפ׳ן ריכטיגן וועג...? דער יצר הרע האט דיך אריינגעכאפט, און דו טוסט נאך וואס ער פארלאנגט פון דיר, און דו האסט שוין געגליטשט, ווער וועט דיך צוריקברענגען אויפן ריכטיגן וועג. **אויב דו ביסט נישט מחשיב צו הערן דברי חכמים, וואו וועסטו קענען מקבל זיין חיזוק און עידוד אז דו זאלסט קענען אנפירן זיך ווייטער.**

## הרגיל לשמוע דברי מוסר יתעורר לשוב לדרכי התורה

**דאס** איז א מוסר השכל פארן מענטש. יעדער איינער דארף האבן פאר זיך א רב א מורה דרך וואס ער זאל זיך מכניע זיין פאר אים און אננעמען וואס ער הערט, וועט ער האבן א שמירה, דאס וועט אים היטן אז ער זאל נישט אינגאנצן אוועקפאלן פון דרכי השם. **א מענטש האט דאך פארשידענע זמנים, ער פאלט דאך אמאל אדורך, נישט אייביג איז מען אויף די זעלבע מדריגה, אבער אז ער וועט האבן פאר זיך א מוכיח וואס ער וועט אים מעורר זיין פון צייט צו צייט, ווען ער הייבט זיך אן צו גליטשן, וועט ער קענען זיך צוריק מתגבר זיין און שטעלן זיך אויפן ריכטיגן וועג.** אז מ׳וועט זיך געוויינען צו הערן מוסר, לא ימלט ס׳קומט אמאל א צייט וואס ער הערט עפעס, און די הארץ איז אים פונקט דעמאלטס אפען, און ס׳גייען אריין די ווערטער אינעווייניג, און ס׳מאכט אויף אים א רושם אז ער זאל אנהייבן צו לעבן א נייעם לעבן על דרכי התורה. — דאס איז אבער נאר אלץ, ווען ער איז נכנע אונטער א חכם.

**ווען א מענטש ווארפט אראפ פון זיך די הכנעה פון תלמידי חכמים, איז ווען ער ווערט שפעטער געשלאגן פון די נסיונות הזמן און ער הייבט אן צו פאלן, איז נישטא ווער ס׳זאל אויף אים משפיע זיין, אין רפואה למכתו, ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל אים אויפהייבן פון זיין ירידה וואס ער געפינט זיך.**

*

**דער** פסוק זאגט ויהיו מלעיבים במלאכי האלקים, זיי האבן פארשעמט ׳במלאכי׳ אלקים, ובוזים דבריו, לויט׳ן דקדוק הלשון וואלט געדארפט צו שטיין ויהיו מלעיבים ׳מלאכי׳ אלקים, זיי האבן מלעיב געווען די מלאכי אלקים, וואס מיינט במלאכי אלקים האבן זיי מלעיב געווען? נאר דער פסוק וויל אונז ארויסברענגען די סיבה, פארוואס איז דא אזעלכע וואס זענען מבזה דברי חכמים, ווייסן זיי דען נישט פון דברי חז״ל די הארבקייט דערפון? זיי זאגן אבער אזוי: אמת, חז״ל האבן אונז געלערנט אז מ׳דארף מקבל זיין און הערן און מ׳טאר נישט מבזה זיין קיין תלמיד חכם, דאס איז אבער נאר געזאגט געווארן אמאל, ווען ס׳איז געווען די פריער׳דיגע דורות, ראשונים כמלאכים (שבת קיב:), אוודאי פון ראשונים כמלאכים האט מען געדארפט זייער היטן יעדעס ווארט וואס

מ׳זאגט, און נישט פוגע זיין דעם מלאך, מ׳דארף אים מחשיב זיין און מקבל זיין פון אים. אבער אחרונים זענען כבני אדם, היינט איז נישטא קיין גדולי ישראל, זיי זענען אזוי ווי אלע אנדערע, מ׳דארף זיך נישט מכניע זיין פאר זיי, ס׳איז נישט וואס ס׳איז געווען אמאל. זאגט דער פסוק, דאס וואס זיי זענען מבזה די ווערטער פון די חכמים, איז ווייל זיי זענען מלעיבים במלאכי האלקים, זיי זאגן אז זיי זענען נישט קיין מלאכי אלקים אזוי ווי ס׳איז געווען די פריערדיגע, ממילא דארף מען זיי נישט מחשיב זיין, דאס איז די סיבה וואס זיי זענען מלעיבים במלאכי האלקים, מ׳איז מלעיב דעם חכם ווייל מ׳זאגט אז ער איז נישט קיין מלאך, ראשונים זענען געווען כמלאכים האט געהאט א חשיבות זייערע ווערטער, אבער היינט איז דאס נישטא.

**דער** אמת איז אבער, נניח, מיר וועלן אים נאכגעבן אז זיי זענען טאקע נישט אזוי גרויס, זיי זענען נישט קיין מלאכים די היינטיגע חכמי ישראל. **אבער דו ביסט אזוי גרויס אז דו דארפסט האבן א מלאך וואס זאל דיר לערנען...? ביז א מלאך, א קלענערער רבי פון א מלאך איז נישט גענוג פאר דיר? פאר דיר איז גענוג אפילו נאר א פשוטער תלמיד חכם וואס אין לו בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה, וואס זיצט אין ביהמ״ד א גאנצען טאג און ער האט נאר זיין ד׳ אמות של הלכה, און ס׳איז יראת השם חופפת על פניו, און ער פירט זיך ערליך, פון אים האסטו אסאך און אסאך וואס דו קענסט נאך מקבל זיין! ער שטייט מיט טויזענטער מעלות העכער פון דיר, וואס אסאך און אסאך דארפסטו זיך פלאגן ביז דו וועסט צוקומען צו די מעלה פון דעם "היינטיגן חכם". איז ער נישט קיין מלאכי אלקים, איז ער נישט קיין מלאך אזוי ווי די פריער׳דיגע, אבער פון דיר איז ער גרעסער! פון דיר איז ער אסאך און אסאך העכער און דו האסט אסאך און אסאך וואס דו קענסט מקבל זיין פון אים אז דו זאלסט זיך קענען פירן אויפן ריכטיגן וועג.**

## אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו

**די** גמרא זאגט אין מסכת שבת (קיט:) רב יהודה אמר רב האט געזאגט, אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו (דברי הימים א טז-כב), אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן, זאלסט נישט צורירן צו מיינע געזאלבטע, דאס זענען קינדער תינוקות של בית רבן, ובנביאי אל תרעו, דאס גייט ארויף אויף תלמידי חכמים, זיי זענען די נביאים, מען זאל נישט טשעפן קיין נביאים. רש״י אויפן פלאץ טייטשט, אל תגעו במשיחי תינוקות של בית רבן, אז דער סדר איז געווען אז מ׳פלעגט צו שמירן קינדער מיט אויל, רופט ער אן די קינדער ׳משיחי׳ די וואס מ׳שמירט זיי איין מיט אויל, דאס זענען די קליינע קינדער, זאלט עטץ נישט צורירן צו טשעפן תינוקות של בית רבן.

**דער** מהר״ל (נתיב התורה י) זאגט אביסל טיפער, אז מ׳פלעגט צו שמירן קינדער מיט אויל, ווייל משיחה דאס איז די התחלה און חינוך צוצוקומען צו גדולה. יעדע גרויסע חשוב׳ע זאך איז געווען דערביי משיחה וואס מ׳האט דאס געזאלבט. א מלך האט מען געזאלבט, א כהן האט מען געזאלבט, משכן וכליו האט מען געזאלבט, יעדעס קינד איז בכח אויסצואוואקסן צו זיין פון די גדולי ישראל, האט מען איינגעשמירט די קינד בשמן, מ׳האט אים מושח געווען, צו האפן אז דאס קינד וועט אויסוואקסן א גדול בישראל. האט מען זיי גערופן משיחי, און דער פסוק ווארענט אונז, מיר זאלן אפהיטן די קינדער אז זיי זאלן קענען נתגדל ווערן ערליך, אל תגעו במשיחי, רירטס נישט צו, צו די קינדער די תשב״ר וואס זיי זענען געזאלבט, ווייל זיי קענען נאך צוקומען צו א געוואלדיגע הויכע מדריגה אז מ׳זאל זיי שפעטער זאלבן.

**מ׳דארף** פארשטיין, פארוואס האט ער צוזאמגענומען די צוויי זאכן, אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו, רירטס נישט צו, צו די תשב״ר, און זייטס נישט מבזה תלמידי חכמים.

## כשהאבות מכניעים עצמם לחכמי ישראל<br>אז יוכלו בניהם להתגדל ולהתעלות

**קען** זיין דער פשט דערפון איז, ס׳איז דא אמאל א מענטש וואס וויל זיך נישט אונטערווארפן אונטער חכמי ישראל, ער טראכט ביי זיך, איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן, איך בין שוין מסודר מיט מיין לערנען מיט מיין עבודת השם, ס׳איז שוין ביי מיר עברו רוב שנותיו, איך בין שוין אדורכגעגאנגען אסאך יארן פונעם לעבן, איך בין שוין גענוג ערצויגן געווארן, מיר פעלט נישט אויס איך זאל האבן א רב א מורה דרך, וואס זאל מיר איינטיילען, ער שפירט זיך גרעסער פון יעדן איינעם און ער וויל זיך נישט מכניע זיין. נניח אז אויף זיך אליין קען ער זיין גערעכט, דו האסט דאך אבער קינדער, דו האסט יונגע קינדער, און דו האסט אייניקלעך, וואס די נסיונות הזמן זענען דארף מען דאך היינט נישט זאגן ווי שווער ס׳איז אז מ׳זאל זיך האלטן ערליך. ס׳איז זייער גרינג היינט צו פארלירן א קינד, אז ער זאל אוועקגיין פונעם ריכטיגן וועג, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, וואס מ׳זעהט ליידער מיט אונזערע אויגן בעוה״ר.

**אויב דאס קינד ווערט נתחנך פון דיר, און ער זעהט ביי דיר, אז דו ביסט א מבזה ת״ח, אז דו שעצט נישט קיין ת״ח, דו האסט נישט קיין הכנעה פאר קיין שום חכם וואס לעבט היינט, איך דארף פון די פריער׳דיגע, פאר היינטיגע איז נישטא קיין הכנעה, דו האסט נישט קיין רב און קיין מורה דרך וואס דיין קינד זאל קענען אנווייזן: אונטער דעם תלמיד חכם איז זיך מיין טאטע מכניע. וואס וועט דאס קינד טוען? דאס קינד וועט אויך אזוי אויסוואקסן, ער וועט אויך נאכגיין אין דעם וועג וואס ער האט געזעהן ביי די עלטערן, און וויאזוי קענסטו טראכטן אז דאס קינד וועט קענען נתחנך ווערן און אויסוואקסן ווי ער דארף אויפצואוואקסן? ער האט קיינמאל נישט געזעהן די ליכטיגקייט וואס דו האסט געזעהן, [וואס יעדער עלטערער האט דאך געזעהן פון די פריער׳דיגע], ער לעבט דאך אין דעם היינטיגן דור, אויב ער זעהט נישט ביי דעם טאטען, און דאס אייניקל זעהט נישט ביי דעם זיידן, אז די עלטערן האבן הכנעה פאר א תלמיד חכם, וועלן זיי דאס אויך נישט האבן, און ווי וועלן זיי קענען נתגדל ווערן שפעטער און אויסוואקסן וואס דו האפסט פון זיי?** דו זאלבסט דיין קינד מיט שמן ווייל דו טראכסט לגדולות נוצר, מ׳וועט אים זאלבן ער וועט זיין גאר א גרויסער תלמיד חכם, מ׳וועט אים זאלבן בשמן של גדולה, ווי טראכסטו אז מ׳קען מחנך זיין א קינד אז מ׳זאל אים קענען זאלבן שפעטער לגדולה, אז ער האט נישט קיין הכנעה פאר גדולי ישראל.

**שרייט** דער נביא און ער זאגט: אל תגעו במשיחי, רירטס נישט צו אין ענקערע קליינע קינדער וואס זיי זענען געזאלבט, וואס שפעטער וועלן זיי נישט קענען אויסוואקסן אזוי ווי איר ווילט, און וועגן דעם איז, ובנביאי אל תרעו אלו תלמידי חכמים. נאר ווען איר וועט מחנך זיין ענקערע קינדער **אז יעדער דארף האבן א רב און א מורה דרך צו וועם ער איז זיך מכניע מיט אלעם. נישט ווען ס׳געפעלט אים נעמט ער אן וואס דער רב האט געזאגט, און אמאל איז דאס למחצה און אמאל לשליש ולרביע וואס ער וויל מקבל זיין, וואס ס׳איז גוט פאר זיין הארץ, וואס ס׳איז גוט פאר זיין יצה״ר, דאס איז ער מקבל, און די איבריגע זאכן איז מען בוזים את דבריו, שעצט מען נישט די ווערטער. נאר דיינע קינדער און דיינע אייניקלעך זאלן צוקוקן און זעהן שטענדיג פאר זייערע אויגן, וויאזוי זיין טאטע און זיין זיידע האט זיך מכניע געווען פאר גדולי ישראל, דעמאלטס וועט עטץ קענען מחנך זיין ענקערע קינדער אז זיי זאלן אויסוואקסן לשם ולתפארת.** ווייל אויב זיי האבן נישט אויף וועם ארויפצוקוקן, ווי קענען זיי נתגדל ווערן און אויפוואקסן, אויב ס׳פעלט זיי די הכנעה צו חכמי ישראל.

## המבזה תלמידי חכמים אינו יכול ליהנות מזכותם ומעלתם

**די** מפורשים פרעגן, אז חורבן ירושלים זאגט מען דא איז געוועזן בשביל שהושוו קטן וגדול, מ׳האט מבזה געווען תלמידי חכמים, מ׳האט אייניג געמאכט דעם גדול אזוי ווי דעם קטן, אין די גמרא שטייט אנדערע עבירות וואס איז געווען, איין פלאץ שטייט ירושלים איז חרוב געווארן בשביל שהעמידו דבריהם על דין תורה (בבא מציעא ל:), אויך שטייט וועגן שנאת חכם שהיה ביניהם (יומא ט:). תוספות (בבא מציעא שם) שטעלט זיך שוין אויף די קשיא. און ענטפערט הא והא גרמו, מערערע עבירות האבן צוגעברענגט חורבן בית המקדש.

**קען** זיין פשט דערפון איז, דער זכות פון צדיקים איז זייער גרויס, זיי זענען מגין מיט זייער ערליכקייט מיט זייער צדקות אויפן דור, און דער אייבערשטער איז נושא פנים פאר אידן אין זכות פון די צדיקים וואס מיר האבן וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה. אבער נאר אזוי לאנג קען מען נוצען זייער זכות, ביז ווילאנג מיר זענען זיי מחשיב, ביז ווילאנג מיר שעצן זייער ערליכקייט, מיר זענען נכנע אונטער זיי, מיר זענען דבוק אין חכמי ישראל, דעמאלטס איז זייער זכות מגין אויף אונז און ס׳איז מעכב את הפורעניות. ווער ס׳איז מבזה תלמידי חכמים, דער קען נישט נהנה זיין פון די מעלה פון די תלמידי חכמים וואס זיי שיצען אויפן דור, ס׳איז אין רפואה למכתו, ער האט נישט קיין רפואה, ווייל דער צדיק איז אויף אים נישט מגין.

**מ׳געפינט** ביי דוד המלך א מוסר השכל, והמלך דוד זקן בא בימים (מלכים א א-א), דוד המלך איז געווארן אלט, ויכסוהו בבגדים ולא יחם לו, מ׳האט אים צוגעדעקט מיט בגדים צו ווארעמען, ולא יחם לו, ער האט זיך נישט געקענט דערווארעמען מיט די בגדים וואס מ׳האט אים צוגעדעקט. זאגט די גמרא (ברכות סב:) פארוואס, געווענליך א זקן ווען מ׳דעקט אים צו, ווארעמט עס אים. זאגט די גמרא, ווייל ווען ער האט געטראפן שאול המלך אין די מערה, ויקם דוד ויכרות את כנף המעיל אשר בשאול בלט (שמואל א כד-ה), ער האט אפגעשניטן א חלק פון זיין כנף, כל המבזה את הבגדים סוף אינו נהנה מהן, ער האט מבזה געווען א בגד, לויט די געוואלדיגע גרויסקייט פון דוד המלך, האט עס אים געשאדט, ער האט נישט געקענט נהנה זיין פון קיין בגד, די בגדים האבן אים מער נישט געווארעמט.

**דאס** איז א בגד דומם, ווייל ער האט איינמאל מבזה געווען א סחורה, האט ער מער נישט געקענט נהנה זיין פון דעם. ער האט נישט געשניטן קיין כנף יעדן טאג, איינמאל האט ער דאס געטוען, האט ער מער נישט געקענט נהנה זיין פון דעם בגד אז ער זאל זיך קענען ווארעמען דערמיט. און פארוואס האט ער אפגעשניטן דעם כנף? נישט ווייל ער האט געוואלט מבזה זיין דעם בגד, ער האט דאך געהאט אן אינטערעסע וואס ער האט געוואלט ווייזן פאר שאול׳ן אז ער האט אים נישט גע׳הרג׳עט, אף על פי כן, סוף כל סוף האט ער מבזה געווען א בגד, האט ער נישט געקענט מער האבן קיין נוצן דערפון.

**המבזה תלמידי חכמים, אז מען איז מבזה תלמידי חכמים, ווי קענסטו טראכטן אז דו קענסט נהנה זיין פון די צדקות פון דעם חכם? אז זיין זכות זאל מגין זיין. ווען דו שעצט נישט דעם חכם און דו ביסט אים מבזה, אז אויף א בזיון פון א בגד איז נישטא קיין תרופה, איז כל שכן אז מ׳איז מבזה א חכם.**

**אוודאי** בשעת ס׳איז געווען דער חורבן פון בית המקדש איז געווען חטאים וואס איז ראוי געווען אז דער ביהמ״ק זאל וועגן דעם חרוב ווערן, שנאת חנם, העמידו דבריהם על דין תורה, אבער ס׳איז דאך געווען אסאך צדיקים דעמאלטס, וואס זייער זכות וואלט געדארפט מגין זיין אויפן דור אז זיי זאלן נישט נענש ווערן. פארוואס האט דער זכות פון די אלע נישט מגין געווען אויף זיי? זאגט די גמרא בשביל שהושוו קטן וגדול, אז מ׳האט משווה געווען א קטן מיט א גדול, ס׳איז אייניג, ס׳איז נישטא קיין גדול, שביזו תלמידי חכמים שביניהם, מ׳האט מבזה געווען די תלמידי חכמים וואס זענען געווען, האט זייער זכות נישט געקענט מער העלפן, ווייל המבזה חכמים סוף אינו נהנה ממנו, קען מען נישט האבן קיין הנאה פון זיי, און דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן בית המקדש.

**ווען** אחשורוש האט געוואלט פוגע זיין אידן, האט ער מורא געהאט, אית בהו רבנן, ס׳איז דא צווישן זיי תלמידי חכמים, זייער זכות וועט שטיין פאר אידן מגין זיין אז מ׳וועט נישט קענען טשעפן אידן. זאגט אים המן, מיט זיין לישנא בישא, זיי זענען דען מכבד תלמידי חכמים, עם אחד הם, ביי זיי איז א קטן וגדול אן עם אחד, ס׳איז איין פאלק, די רבנן זענען ביי זיי אזויווי זיי, זיי זענען נישט מכבד קיין צווייטן, זיי זענען משווה קטן וגדול, והיה כעם ככהן, אין זייערע אויגן איז די רבנן מיט זיי אן עם אחד, דאס איז איינס. ווען איינער איז מבזה די טייערע בגדים, די חכמי ישראל, וועט ער נישט קענען נהנה זיין פון זיי. דו דארפסט נישט מורא האבן, זיי וועלן נישט קענען מגין זיין אויפן כלל ישראל, ולמלך אין שוה להניחם, און דאס האט צוגעברענגט דערצו אז ס׳איז ארויסגעגאנגען די גזירה.

## זהירות מלדבר סרה ולבזות חכמי ישראל

**דאס איז א מוסר השכל, מענטשן האבן א פריי מויל, מ׳רעדט, מ׳האט נישט מורא צו עפענען א מויל רעדן אויף חכמי ישראל, אמת׳דיגע חכמי ישראל וואס זיי האבן נישט עפעס אנדערש אין זייער וועלט נאר תורה און עבודת השם, מ׳איז מבזה, מ׳רעדט מיט א בזיון מיט א ביטול קעגן זיי, זייער גאנצע לעבן איז איין חטיבה פון מסירת נפש פאר׳ן אייבערשטן. אמת ס׳איז דא אסאך מאל חילוקי דיעות צווישן חכמי ישראל, אמאל איז דאס אין הלכה און אמאל איז דאס אין השקפה, אוודאי דארף יעדער נאכגיין און טוהן וואס זיין רבי האט אים געלערנט, און גיין אין דעם וועג, און נישט אוועקגיין פון די וועג וואס זיין רבי האט אים געלערנט, אבער דאס געט נישט קיין היתר אז מ׳קען מבזה זיין א צווייטן, מ׳דארף נזהר זיין אין יעדע ווארט וואס מ׳זאגט ארויס אקעגן א חכם, הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה** (אבות ב-י)**, מ׳דארף נזהר זיין אז מ׳זאל נישט אפגעבריט ווערן פון זייערע קוילן, שנשיכתן נשיכת שועל, ועקיצתן עקיצת עקרב, ולחישתן לחישת שרף, וכל דבריהם כגחלי אש, מ׳דארף זיך שטארק היטן יעדע דיבור וואס מ׳זאגט ווען מ׳רעדט פון א חכם, ס׳זאל נישט ארויסקומען אפילו א שמץ פון א בזיון מיט די ווערטער וואס מ׳רעדט.**

*

**ווען** א מענטש טראכט אריין, דאס לעבן פון די וועלט, פאר זיך אליין איז הבל, א נארישע וועלט, א נאריש לעבן, ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל, א בהמה לעבט אויף די וועלט, א מענטש לעבט אויף די וועלט, פאר זיך אליין איז דאס לעבן הבל. נאר אויב ער איז מכיר אז זיין גאנצע תכלית זיין ציל אין לעבן איז נאר ער זאל דינען דעם אייבערשטן, כדי ער זאל קענען שפעטער אריינגיין אין טרקלין לעבן חיי נצחיים, ליהנות מזיו השכינה, מ׳וועט דאך אמאל זוכה זיין, מ׳וועט זיצן מיט די שכינה אינאיינעם, מ׳וועט קענען האבן הנאה פון זיו השכינה, און דאס איז זיין גאנצער געדאנק אינעם לעבן, אויפצוטוען איך זאל קענען צוקומען צו חיי עולם הבא. ווען א מענטש לעבט מיט דעם געדאנק, איז זיין השקפה אויף זיין גאנץ לעבן מיט אן אנדערע מין בליק ווי געוועינליך. יעדע שעה פון זיין לעבן נוצט ער אויס צוצוקומען צו זיין תכלית, ער זאל קענען מרבה זיין מצוות ומעשים טובים ער זאל קענען שטייגן.

## נשאת ונתת באמונה

**מיר** זעהן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ס'איז אראפגעשטעלט געווארן די סדר פון די בריאה, רוב שעות פונעם טאג איז דער מענטש פארנומען מיט פרנסה, משא ומתן האנדלען. און מ'איז אראפגעקומען אויף די וועלט כדי זיך מדבק זיין צום אייבערשטן, **און דער באשעפער האט אויסגעשטעלט אונזער לעבן אז רוב טאג פון אונז איז אין געשעפטן, בדרך כלל, איז א סימן פון דעם, דאס ווייזט אונז, אז די שלימות פון רוב מענטשן אויף די וועלט איז, אינדרויסן אויף די גאס אין די געשעפטן, און דארט קענסטו נתעלה ווערן, און דארט זאלסטו זוכן דיין תכלית, קונה זיין עולמו אויף וואס דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשיקט.**

**זייער** אסאך מצוות איז פארבינדן מיט די געשעפטן פונעם מענטש. גניבה, גזילה, נישט צונעמען יענעמס געלט. אונאת ממון, נישט אויסנארען יענעם געשעפטליך. אונאת דברים, מ'טרעפט זיך מיט יענעם מ'זאל נישט זאגן קיין ווארט וואס ס'וועט יענעם וויי-טוען. כבישת שכר שכיר, צאלן פאר אן ארבייטער. שקר. איסורים אין די תורה וואס ס'טרעפט זיך טאג-טעגליך אין ביזנעס. וויפיל צענדליגע מצות עשין טרעפט זיך פאר א מענטש יעדן טאג ווען ער איז אינדרויסן אין געשעפט. העלפן פאר אנדערע, אמאל איז דאס בגופו, און אמאל איז דאס בממונו, אמאל געבן אן עצה אין ביזנעס א.א.וו.

**וועגן** דעם ווען מ'קומט ארויף אויף יענע וועלט, איז פון די ערשטע שאלות וואס א מענטש געט אפ א חשבון, נשאת ונתת באמונה (שבת לא.), וויאזוי האסטו געהאנדלט? האסטו געהאנדלט ערליך צי נישט? **ווען א מענטש ענדיגט זיין געשעפט בייניאכט און ער קומט אהיים, און ער האט זיך געפירט איבערן טאג ווי דער אייבערשטער האט אונז מצוה געווען זיך צו פירן, ברענגט ער מיט זיך אהיים הונדערטער און טויזנטער מצוות טאג-טעגליך, פון די שעות וואס ער איז געווען אין געשעפט און ער האט עס געפירט ערליך.** יעדע זאך וואס ער האט געטוהן האט ער עס געטוהן באמונה, איז יעדע רגע וואס ער איז עוסק אין זיינע געשעפטן טוט ער מקיים זיין מצוות מן התורה - און דארט קויפט ער זיך זיין שלימות.

## הבעל הבית יכול להתקרב לה' בזהירותו בעניני ממונות

**עס** שטייט אין פסוק (שמות כב-ז), ונקרב בעל הבית אל האלקים אם לא שלח ידו במלאכת רעהו, דער פסוק רעדט זיך לגבי א שומר. דער רמז דערפון איז, תלמידי חכמים וואס ס'איז תורתן אומנתן, זיי ווערן נאנט צום אייבערשטן מיט דעם וואס זיי לערנען און דינען דעם אייבערשטן, דאס איז זייער התקרבות צום רבוש"ע. אבער מיט וואס ווערט נתקרב 'בעל הבית' אל האלקים, וואס איז די קירבה פון א בעל הבית צום אייבערשטן, מיט וואס ווערט נתקרב דער בעל הבית צום אייבערשטן, ער איז דאך א גאנצן טאג פארנומען מיט גשמיות'דיגע ענינים, און וויאזוי ווערט ער נאנט צום אייבערשטן? זאגט דער פסוק 'ונקרב בעל הבית אל האלקים', יעדער בעל הבית קען נאנט ווערן צום אייבערשטן, 'אם לא שלח ידו במלאכת רעהו', ווען ער איז מדקדק אויף זיין געלט, ער רירט נישט צו, צו קיין פרוטה פונעם חבר, ער איז נישט שולח ידו צוצורירן במלאכת רעהו, ער גייט נישט אריין אין יענעמס געשעפטן, ער איז נישט משיג גבול, ער איז אינו יורד לחייו של חבירו, ער נעמט נישט קיין געלט וואס ס'קומט זיך אים נישט, ער איז נישט מקפח פון צו געבן פאר'ן חבר וואס ס'קומט זיך אים יא, איז ונקרב בעל הבית אל האלקים, מיט דעם ווערט א בעל הבית נאנט צום אייבערשטן, אם לא שלח ידו במלאכת רעהו, אז ער שטעקט נישט אריין זיין האנט אין יענעמס.

**נאך** מתן תורה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו (דברים ה-כז), לך אמור להם, זאג פאר אידן, שובו לכם לאהליכם, אידן זאלן אהיימגיין. דער אייבערשטער האט געזאגט, דער תכלית פון מתן תורה איז נישט איבערצולאזן די שטוב און זיך אריינצוזעצן אין ביהמ"ד לערנען און עוסק זיין בתורה, הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם (ברכות לה:), דאס איז גוט פאר א טייל אידן, נישט פאר'ן כלל. שובו לכם לאהליכם, גייטס ענק געזונטערהייט אהיים, און ביי ענק אין שטוב, זאלט עטץ דינען דעם אייבערשטן. אין פרנסה, אין מסחר, איז דא טויזנטער מצוות טאג-טעגליך וויאזוי מ'דארף זיך צו פירן. און יעדע רגע וואס א מענטש פירט זיך ערליך איז ער מקיים א מצוה פונעם אייבערשטן. נעמטס די תורה וואס איך לערן ענק דא, זאגט דער אייבערשטער, שובו לכם לאהליכם, נישט אין ביהמ"ד, נאר ביי ענק אינדערהיים ביי ענק אין די געשעפטן, דארט קענט עטץ דינען דעם אייבערשטן און נתקרב ווערן.

**די** ערשטע פרשה נאך מתן תורה וואס משה רבינו האט געלערנט מיט אידן, איז געווען פרשת משפטים, ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, די דינים וואס איז דא בין אדם לחבירו אין געלט זאכן, ווייל דארט ליגט די שלימות הנפש פון רוב מענטשן אויף די וועלט, וויאזוי זיי פירן זיך אויף אין די געשעפטן.

## והיה ביום הנחילו את בניו 'את אשר יהיה לו'

**ס'שטייט** אין ספר בית הלחמי, פון מיין פעטער קאטמונער רב ז"ל, (אין פרשת וישלח), ברענגט ער א ווארט וואס ער האט געזעהן אין א צוואה וואס איינער האט געשריבן. יענער שרייבט דארטן אזוי: די פרשה פון נחלה הייבט זיך אן (דברים כא-טז), והיה ביום הנחילו את בניו את אשר יהיה לו, א מענטש וועט איבערלאזן נחלה פאר די קינדער וואס ער האט, לא יוכל לבכר וגו', ווי דער פסוק זאגט די הלכות פון ירושה. האט ער זיך געשטעלט, והיה איז א לשון שמחה (ויק"ר יא-ז), פארוואס ווען מ'רעדט פון א מענטש וואס גייט אוועק פון די וועלט און לאזט איבער זיין פארמעגן פאר אנדערע, זאגט דער פסוק 'והיה' ביום הנחילו את בניו, לשמחה מה זו עושה?

**שרייבט** ער דארטן, אמאל איז דא, וואס די געשעפטן פון א מענטש זענען נישט אויסגעהאלטן ערליך ס'איז נישט על פי תורה, ער איז עושה הון בלא משפט, זיין פארמעגן וואס ער פארשאפט איז נישט ערליך, און ווען ס'קומט די צייט און ער לאזט איבער ירושה פאר די קינדער איז ער מנחיל פאר די קינדער געלט וואס ס'איז נישט זיינס, וואס אין דעם איז נישטא קיין ברכה צום סוף, פרעמד געלט וואס ער האט פארשאפט שלא ביושר דאס לאזט ער איבער פאר די קינדער. זאגט די תורה הק', והיה, **ס'איז א שמחה פאר א מענטש, אז ביום הנחילו את בניו את אשר יהיה לו, אין דעם טאג וואס א מענטש לאזט איבער נחלה פאר די קינדער, זאגט ער איך בין דיר מנחיל את אשר יהיה לו, א זאך וואס געהער פאר אים, דא ליגט נישט קיין פרעמד געלט, דא ליגט אייגען געלט וואס איך האב מיך געפלאגט דערויף, און דאס האב איך צוזאמגענומען פון מיין ארבעט, און דאס לאז איך איבער פאר די קינדער, איך האב מדקדק געווען אין מיין לעבן ס'זאל זיך נישט אויסמישן מיין געלט מיט פרעמדע געלט**, דאס איז והיה, ס'איז א שמחה ווען א איד קען זאגן ביום הנחילו את בניו, את אשר יהיה לו, איך בין מנחיל פאר מיין קינד וואס איך האב ערליך פארדינט פון מיין געלט.

**א** מענטש בטבע אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ה-ט), יעדער האט ליב געלט, דער מענטש האט ליב געלט און ווערט קיינמאל נישט זאט פון געלט, יש לו מנה רוצה מאתים. א לשון איז דא אין מדרש (קה"ר א-לב) אין אדם מת וחצי תאותו בידו, אפילו האלב פון וויפיל ער גליסט איז ער נישט אנגעקומען ווען ער איז געשטארבן, א מענטש וויפיל ער האט דארף ער נאך אלץ האבן מער. יתרו האט געזאגט פאר משה רבינו ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל (שמות יח-כא), ער זאל אויפזוכן פון צווישן אידן און ער האט אויסגערעכנט איינע פון די מעלות, שונא בצע, ער זאל נעמען אזעלכע דיינים וואס האבן פיינט געלט. משה רבינו האט נישט געטראפן, שפעטער שטייט אין פרשת דברים, האט ער נאר געטראפן אנשי חיל חכמים וכדומה, אבער שונא בצע, שטייט אין חזקוני (שם א-טו), האט ער נישט געטראפן. שונא בצע איז א געוואלדיגע מדריגה וואס משה רבינו האט עס נישט געטראפן.

## לפעמים מורים היתר לנגוע בממון חבירו שלא עפ"י דין

**א** מענטש האט ליב געלט, און דאס ברענגט אים אז ער איז מורה היתר פאר זיך צונעמען יענעמס. חס ושלום, ישראל קדושים, מ'איז נישט קיין גנב, מ'איז נישט קיין גזלן, צו גיין בשאט נפש און ארויסנעמען יענעמס געלט און לייגן ביי זיך אין די טאש, איז קיין שום איד נישט נחשד. **אבער ווען מ'האט א סכסוך מיט יענעם, און ס'איז דא א געוויסע צד וואס ער איז גערעכט, אפילו א ווייטן צד, וואס ער האלט אז ער איז גערעכט און נישט דער חבר, דעמאלטס איז ער זיך מורה היתר און ער רירט צו צו געלט וואס איז נישט זיכער אז ס'איז זיינס.** ס'איז א ספק צי די געלט איז דיינס, נאר דער רייץ צו געלט ברענגט דיך אז דו זאלסט דיר אפ'פסק'נען, איך מעג האלטן דאס געלט. און ער איז מורה היתר צוצורירן דערצו, און ער פארגעסט אז יעדע פרוטה וואס ס'איז דא א ספק, צי א דיון פארוועם דאס באלאנגט, איז דא דיני תורה, ס'איז דא אן הלכה אין די תורה אויף יעדע זאך, ס'איז נישטא קיין סברות, מ'נעמט זיך און מ'טיילט זיך איין.

**און** אפילו זיין סברא זאגט אז ס'געהער פאר אים, ווייסט מיר אונז וואס דער סמ"ע (חו"מ סימן ג' סקי"ג) שרייבט, **אז רוב פעמים דעת בעל הבית איז היפך דעת תורה, דער דעת פון א בעל הבית איז היפוך פון דעת תורה. די תורה סברות איז נישט די זעלבע סברא ווי מיר טראכטן, און אז ער האט גענומען יענעמס געלט איז דאס איסור גניבה וגזילה, ס'איז נישט דיינס ס'איז יענעמס.** און דער זעלבער מענטש אליין וואס יעצט האט ער א סברא אז ס'געהער פאר אים דאס געלט, ווען ער וואלט גדארפט נוצן די סברא צו זאגן אז ס'געהער פארן חבר דאס געלט, וואלט ער געהאט אן אנדערע סברא צו זאגן, די סברא וואלט נישט געווען קיין אמת'דיגע סברא, די סברא איז נאר אזוי לאנג גוט ביז ווילאנג ס'געהער פאר אים.

## ירושה וצוואה על פי דיני תורה

**איך** וועל צולייגן אביסל דעם נושא, און איך האף אז יעדער איינער, איך מיין מיך אויך, וועט קענען דערפון

ארויסנעמען נוצן. ס׳איז דא ירושה, עלטערן גייען אוועק און מ׳לאזט איבער פארמעגן. אויב ס׳איז נישטא קיין צוואה וואס ס׳איז אויסגעשריבן פונקטליך וואס מ׳וויל, האסט נישט איבערגעלאזט קיין צוואה, אדער די צוואה איז נישט קיין אויסגעהאלטענע צוואה על פי תורה, איז אין די רגע וואס ער איז געשטארבן, גייט אריבער זיין גאנץ פארמעגן פאר די יורשים וואס די תורה האט זיי מזכה געווען אז זיי זענען יורשים. די יורשים דארפן נישט מאכן קיין שום קנין, זיי דארפן גארנישט טוהן, א יורש ווערט א בעל הבית אויף דעם געלט פון זיך אליין.

**און דיני תורה איז, אז ווען א מענטש שטארבט אן א צוואה, איז דאס געלט וואס ער לאזט איבער, גייט נאר פאר די זין, ס׳גייט נישט פאר די טעכטער, און ס׳גייט נישט פארן ווייב, נאר פאר די זין גייט די גאנצע פארמעגן. די טעכטער און דאס ווייב, האבן נישט קיין שום זכות אין די ירושה, אפילו איין פרוטה צו נעמען.** נאר א פרוי קען נעמען איר התחייבות וואס זי האט אין די כתובה וויפיל ס׳איז צעגעשריבן פאר איר אז זי קען האבן, אויסער דעם האט זי נישט קיין שום רעכטן אין דעם געלט. **ווער ס׳נעמט פון דעם געלט, א חפץ פון שטוב, א תכשיט פונעם שטוב, צי סיי וואס פארא רכוש וואס די תורה האט אים נישט מזכה געווען, אדער ער נעמט מער וויפיל ס׳קומט זיך אים, דאס איז גזל ממש, דו האסט צוגענומען יענעמס א חפץ!** ס׳מעג זיין ירושה פונעם טאטען, דער טאטע איז שוין נישטא, די מאמע איז שוין נישטא, דאס געהערט היינט פאר די יורשים, וואס דו נעמסט פון דעם פלאץ האסטו צוגענומען פון א יורש, דאס איז גזל.

**אפילו** ס׳איז דא א צוואה, די צוואה איז געשריבן געווארן ביי א לויער לויט די גוי׳שע געזעצן, אויב ס׳איז נישט געשריבן געווארן ביי א תלמיד חכם וואס קען דיני תורה און ער ווייסט וויאזוי צו שרייבן א צוואה אז ס׳זאל העלפן בדיני תורה, ווייל מען קען נישט איבערלאזן קיין צוואה צו זאגן אז נאכן שטארבן געב איך אוועק מיין פארמעגן פאר יענעם, ווייל אין די רגע וואס דו ביסט געשטארבן איז די געלט שוין נישט דיינס, ס׳איז גראד אריבערגעגאנגען צו יענעם, דו קענסט נישט איינטיילן וויאזוי ס׳זאל אריבערגיין. על פי תורה קען מען נאר שרייבן א צוואה אז מ׳געט אוועק ביי דעם לעבן, שעה אחת קודם מיתתו, ביים לעבן ווען איך בין נאך א בעל הבית אויפן געלט האב איך עס אוועקגעגעבן. **אז ס׳איז דא א געשריבענע צוואה פון א לויער, און ס׳איז נישט געשריבן געווארן ביי א ת״ח וואס קען זיך אויס אין די לשונות אז מ׳געט עס אוועק ביים לעבן, איז די צוואה נישט ווערד גארנישט, ס׳איז נישט נקנה געווארן די ירושה נאר פאר די יורשים וואס זיי זענען מן התורה די יורשים, און נישט פאר אנדערע.**

**ווען** א מענטש וויל ס׳זאל נישט זיין קיין מחלוקת אין זיין משפחה, און ס׳זאל נישט צוקומען שפעטער צו קיין גזל, החכם עיניו בראשו, זאל ער מסדר זיין וואס ער דארף. א געהעריגע צוואה וואס ס׳נוצט הן בדיני תורה און הן בדיניהם, ס׳זאל זיין אויסגעהאלטן אז מ׳זאל קענען טוען שפעטער אזויווי זיין רצון איז. טאמער דאס פעלט, דארף מען וויסן, מ׳קען נישט טוען אנדערש ווי די תורה האט געשריבן. וואס מ׳טוט עפעס אנדערש, גייט אריין אין גניבה און גזילה.

**וויפיל משפחות זענען צוריסן און זיי זענען אפגעטיילט, מ׳רעדט נישט איינער מיטן אנדערן, מ׳גייט נישט אויף קיין שמחות איינער ביים צווייטן, וועגן סכסוכים וואס איז דא וועגן געלט פון ירושה.** ביי עשירים איז דאס נאך מער מצוי ווי ביי אנדערע. ווייל דער סכסוך ביי זיי איז וועגן גרויס געלט. קליין געלט קען מען מוותר זיין, גרויס געלט איז מען נישט גרייט מוותר צו זיין. כאטש ווען מען רעדט פון עשירים, זענען די יורשים פון א עושר בדרך כלל אויך עשירים פאר זיך, און זיי האבן גענוג, די והותר מפרנס זיין זיך זייער גאנץ לעבן אפילו אן די ירושה, נישט נאר זיי האבן פאר זיך גענוג, אפילו זייערע קינדער וועלן האבן גענוג, אן די ירושה וואס זיי באקומען פון די עלטערן וועלן זיי האבן זיך מפרנס צו זיין. דעסטוועגן דאך ווערט א מחלוקת וועגן א פארמעגן וואס נישט ער און נישט זיינע קינדער וועלן הנאה האבן אפילו איין פרוטה אויף וואס מ׳האט זיך געקריגט! מ׳רעדט יעצט אז אפשר אין א פאר דורות ארום וועט אויספעלן דאס געלט וואס זיי זאלן קענען דערפון נהנה זיין, אבער ס׳איז יעצט נישט נוגע נישט פאר אים און פאר זיינע קינדער, ווייל זיי האבן גענוג פון וואס זיי זאלן קענען לעבן - און אויף דעם גייט מען און מ׳קריגט זיך און מ׳צוברעכט גאנצע משפחות...

## זהירות בממון המוטל בספק באופנים שונים

**דאס** איז נישט נאר ירושה, געלט סכסוכים איז דא שטענדיג בין אדם לחבירו צווישן איינעם און צווייטן, און אפילו ביי ערליכע אידן, אנשים כשרים מאכט זיך עס, מ׳רופט עס אויף ענגליש א ׳גרעי-עריע׳ א זאך וואס איז נישט קלאר, ס׳איז דא צדדים אזוי און צדדים אזוי. זאכן וואס מ׳האט נישט אויסגערעדט פארדעם בפרטיות וויאזוי

ס׳זאל זיין, און ס׳איז דא געלט אינמיטן וואס איז מוטל בספק, וואס איז נישט מבורר פארוועם דאס געלט קומט.

**איך** וועל געבן א פאר משלים, מ׳איז א שותף מיט יענעם אין מסחר, מ׳האט צוזאמען א ביזנעס, אדער מ׳איז משקיע געלט ביי יענעם, מ׳איז א געלט שותף, מ׳געט פאר יענעם געלט און יענער זאל פירן די געשעפטן. מ׳האט זיך אויסגעהאנדלט וואס ער באקומט און וואס דער חבר באקומט, און ס׳מאכט זיך אמאל א געוויסע ריוח צי א געוויסע שאדן ח״ו, וואס מ׳האט זיך נישט אויסגענומען מעיקרא וועמענס דאס איז, צי דער ריוח געהער פאר דעם, צו פון דעם טיילט מען זיך, צו ס׳געהער פאר׳ן בעל הבית, ווער ס׳דארף נעמען דעם הפסד אויף זיך, ס׳איז געלט וואס איז מוטל בספק.

**מ׳איז** שותפות אין א הויז, שכנים וואס וואוינען אין קאנדימיני׳עמס, יעדער האט זיך זיין דירה, און ס׳מאכט זיך סכסוכים אויף געוויסע פלעצער וועמענס ס׳געהער, ווער ס׳מעג זיך משתמש זיין אין דעם פלאץ ווער נישט, איז ער דער בעל הבית, צי דאס איז ׳קאמען-עריע׳. אדער מ׳וויל צובויען דארטן א שטוב א פארטש וכדומה, און ס׳מאכט זיך סכסוכים צי ער מעג עס טוען צי ער טארנישט. ס׳איז דא אמאל זאכן וואס איז נישט ארויסגעשריבן בפירוש אז מ׳זאל קענען ווייזן שווארץ אויף ווייס וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן.

**א** מוכר מיט א קונה, איינער קויפט ביי יענעם סחורה, און ס׳איז דא אמאל פעלער וואס ס׳האט זיך אזוי געמאכט, און מ׳ווייסט נישט פאר וועם דער שאדן דארף צו גיין, צו פארוועם דער ריוח דארף גיין, פון דעם וואס מ׳האט געקויפט.

**צווישן** אן ארבייטער מיט זיין בעל הבית, געוויסע זאכן וואס מ׳האט זיך נישט געהאט געהעריג אויסגענומען, דער ארבייטער טענה׳ט אז מ׳דארף אויף דעם באצאלן עקסטער, דער בעה״ב טענה׳ט אז מ׳דארף נישט באצאלן.

**ס׳מאכט** זיך סכסוכים צווישן מעקלערס וויפיל ס׳קומט זיך אים.

**א** קאנטראקטער וואס ארבעט ביי א בעה״ב, ער האט אנגענומען צו בויען א הויז צו אנדערע קאנטראקטונג, און עס מאכן זיך אלץ סכסוכים, דאס האט מען נישט גערעדט, איז דאס יא נכלל, איז עס נישט נכלל. — און יעדער האט א צד אז ער איז גערעכט הונדערט פראצענט! יעדער האלט אז ער איז גערעכט ס׳קומט זיך אים צו אזוי.

**בדרך כלל, דער וואס איז מוחזק אינעם געלט, דער האט דאך די אויבער-האנט, ער מאכט זיך דין לעצמו, ער פסק׳נט פאר זיך אפ, ער נעמט פאר זיך וואס ער האלט אז ס׳קומט זיך אים, ער איז מעכב צו געבן פאר יענעם וואס געהער פאר יענעם. — דאס געלט איז ספק גזל! אפשר איז דאס נישט דיינס, ס׳איז יענעמס, דו האלטסט אויף יענעמס געלט ביי דיר.**

## לסדר הסכסוכים שבינו לבין חבירו שלא יבואו לידי פירוד לדורות

**ס׳איז** דא אסאך מאל וואס איינער פאדערט דעם חבר אז ס׳קומט זיך אים, און יענער האלט אז ס׳קומט זיך אים נישט. דער תובע איז א שוואכער, ער האט נישט די שטארקייט יענעם צו פאדערן לאמיר גיין אויסגראדן ביי א דין תורה, אדער ער וויל זיך נישט קריגן מיט אים, ... זילותא דבי דינא, ער שעמט זיך צו גיין. צי אסאך מאל איז פארבינדן הוצאות צו גיין צו א דין תורה. אדער ער איז מכיר אז דער חבר איז א גבר אלם און איך בין א שוואכיטשקער, איך וועל זיך מיט אים נישט קענען אדורכקומען. איך האב פרובירט איינמאל צוויי מאל זאגן פאר יענעם, דו ווייסט דו קומסט מיר כך וכך, און ווען יענער איז אים מדחה הלוך ושוב, היינט מארגן, לאזט ער זיך אפ פון אים און ער איז שטיל, און דאס געלט בלייבט הענגען אין דער לופט פאר וועמען ס׳קומט. **דאס מיינט נישט אז ס׳געהער פאר דיר ווייל יענער פאדערט עס נישט מער. יענער האט דאס געפאדערט פון דיר און יענער האט א תביעה, אין הארץ איז ער דיר נישט מוחל, ער איז נישט מוותר אויף זיין תביעה, דאס וואס ער איז שטיל זאגט נישט אז ער האט דאס דיר אוועקגעגעבן און דאס געלט איז דיינס. און דו גייסט ארום מיט געלט וואס מ׳האט פון דיר געפאדערט, און דו האסט עס נישט אויסגעגראדט צווישן דעם חבר.** ס׳קען אדורכגיין יארן, און א מענטש פארגעסט נאכדעם אפילו אז ער האט געהאט אמאל א סכסוך אויף דעם געלט.

**אז** איינער האט צו דיר א טענה אויף געלט, דארף מען זעהן מפשר זיין בדרך שלום ובנועם. א סכסוך אויף געלט דארף נישט צוברעכן א פריינדשאפט פון אסאך יארן. א קליינער סכסוך קען אמאל ברענגען א פירוד לדורות, און ס׳איז כדאי א מענטש זאל מוותר זיין אויף געלט כדי מ׳זאל בלייבן ארענטליך, און געדענקט ווערן שטענדיג ביי די קינדער די ישרות און די וותרנות וואס זיי האבן געזעהן ביי די עלטערן. **פון א קליינעם סכסוך קען ווערן א גרויסע מחלוקת. רוהיגקייט שלוות הנפש, האט אויך א פרייז. שברי לב און עגמת נפש קען מען נישט באצאלן שפעטער.**

**א** סכסוך וואס בלייבט אפן, נישט געסעטעלט, איז אזוי ווי א אפענער וואונד, ס'טוט וויי, ס'זאמלט זיך שפעטער שמוץ, און ווי לענגער ס'איז אפען איז שפעטער שווער אז ס'זאל זיך קענען פארהיילן. **טראכט איבער מיט וועם האב איך געהאט א סכסוך, ווער האט געהאט א תביעה אויף מיר, לאמיר עס פרובירן אויסצוגראדן, ס'איז די בעסטע אינטערעסע פאר יעדן איינעם, ברוחניות ובגשמיות, מסדר זיין און נישט אפשטופן עס. ענדערש זאל מען ארויסגיין מיט ווייניגער געלט מיט אסאך שלום, ווי ארויסגיין מיט אסאך געלט און ווייניג שלום. א סכסוך וואס האט זיך נישט אויסגעגראדט, איז א רעצעפט פאר עגמת נפש.** יעדער איינער דארף זעהן וואס ער קען ביי זיך מתקן זיין אין דעם ענין.

## ממון שנטל שלא ביושר מקדם פניו בעולם הבא ומקטרג עליו

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז אסאך מאל דארף א מענטש אראפקומען נאכאמאל אויף די וועלט, נתגלגל צו ווערן, כדי מ'זאל קענען צוריקגעבן פאר יענעם געלט וואס מ'איז שולדיג. ס'ליגט א חיוב אויף יעדן אלעס מסדר זיין בעפאר ער דארף אראפקומען בגלגול. דו לעבסט, דו קענסט אלעס מסדר זיין ביים לעבן, מ'קען אלעס אויסגראדן. **ס'קומט אמאל א טאג וואס מ'קען נישט מסדר זיין אליינס, און קיינער נעמט זיך נישט מיט דאס געלט אויף יענע וועלט, ס'ווארט אים נישט דארטן אפ. איין געלט ווארט אים יא אפ דארטן, געלט וואס מ'האט גענומען פון יענעם שלא ביושר, דאס געלט וועט אים אפווארטן דארטן, און דאס וועט מקדם זיין פניו, וואס ס'וועט מקטרג זיין אויף אים: דאס געלט וואס ער האט גענומען און ס'איז נישט געווען זיינס.**

## החכם עיניו בראשו לפשר הכל בדרכי נועם

**די** עצה דערויף איז, החכם עיניו בראשו, ווען מ'מאכט א געשעפט מיט יענעם, דארף מען מסדר זיין מיט א כתב דורך א מומחה, אפשרייבן אלע פרטים וואס פאלט איין, וואס געהער פאר ראובן און וואס געהער פאר שמעון, אז מ'זאל נישט צוקומען שפעטער צו קיין סכסוך. נאר ס'פאלט דאך נישט אייביג איין וואס ס'קען פאסירן, אלץ בלייבט אינדרויסן זאכן וואס מ'האט נישט אויסגעשמועסט. אז ס'מאכט זיך שפעטער א סכסוך, מ'דארף זיך נישט קריגן, **מ'דארף עס זעהן מסדר זיין צווישן זיך בדרכי נועם, זייטס ענק מפשר צווישן זיך, מיר האבן א סכסוך לאמיר עס אויסגראדן צווישן אונז וואס מ'דארף טוען, און איינער זאל מוחל זיין פארן צווייטן טאמער ס'קומט אים מער.** נישט מאכן קיין דין לעצמו און אראפנעמען פאר זיך וואס ער האלט אז ס'קומט, און ער לאזט יענעם פייפן, זאל יענער שרייען, איך האב געטוען מיינס, איך האב אראפגענומען פאר מיר וואס ס'קומט זיך מיר.

**אז** מ'קען זיך נישט אויסקומען אליינס, זאל מען גיין צו א דין תורה. **מ'דארף נישט רופן צו קיין דין תורה, מ'דארף נישט שיקן קיין הזמנות און דריי הזמנות וכדומה, פרייוויליג, מיר האבן א סכסוך אויף געלט, לאמיר עס איבערשמועסן, לאמיר גיין צו א בי"ד, לאמיר גיין צו א חכם, און צוזאמען איבערשמועסן וואס מיר דארפן דא טוען, און יעדער זאל מקבל זיין וואס מ'וועט אים הייסן.**

**אויב** מחמת סיבה ווילן זיי דאס אויך נישט. איז דא היינט אסאך עסקנים, מומחים אין אלע ענינים פון מסחר, וואס זיי זענען גרייט מפשר צו זיין און ברענגען שלום בין אדם לחבירו. ס'איז כדאי מזכיר צו זיין, ס'האט זיך געגרינדעט לעצטנס א חברה וואס זייער גאנצער ציל איז, צוזאמצוברענגען מענטשן וואס האבן א סכסוך צווישן זיך און זיי וועלן עס אויסגראדן אן א בי"ד, צווישן מפשרים, אז זיי זאלען עס קענען אדורכפירן.

**אז** מ'האט אויף דיר א תביעה פון געלט, באהאלט דיך נישט, שפאר נישט צו די טיר אויף יענעם, ברצונו הטוב זיי משתדל וויאזוי קען איך מסדר זיין אויסגראדן די תביעה, נישט אז איך לאז די תביעה אין די זייט. רובא דרובא פון די אלע וואס ווערן אויפגעפאדערט צו באצאלן און זיי האבן דאס נישט מסדר געווען, האבן זיי חרטה שפעטער פארוואס מ'האט נישט מסדר געווען די זאך באצייטנס. און אסאך האבן חרטה ערשט ווען ער האט שוין נישט די מעגליכקייט ער זאל עס קענען אויסגראדן מיט יענעם. **ס'וועט קומען אמאל א טאג מ'וועט תובע זיין דעם מענטש דערויף, נשאת ונתת באמונה, מ'וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם, מ'וועט דעמאלטס באנייען די אלע אלטע זאכן, וואס ער האט שוין לאנג פארגעסן וועלן צוריק ארויפקומען.**

**יעדער דארף זיך מאכן א חשבון, מיט וועם האב איך געהאט אין מיין לעבן א סכסוך פון געלט, לאמיך עס פרובירן אויסצוגראדן, ס'איז קיינמאל נישט שפעט אויסצוגראדן א סכסוך וואס מ'האט געהאט.**

## בממון כשר שורה ברכה, ולהיפוך בכסף של איסור

**מ'דארף** געדענקן, אז אין געלט וואס איז ערליך, ליגט א ברכה, אין געלט פון איסור קען נישט שורה זיין קיין ברכה דערויף. נישט אלץ מיינט ריוח אז מ'איז יעצט ארויסגעגאנגען מיט נאך א פאר דאלער מער אין טאש. **וויפיל מאל זעהט מען א מענטש האט פארדינט געלט, און ער איז עס משקיע, ער לייגט עס אריין אין א מסחר אדער אין הייזער, און ער פלאגט זיך א פאר יאר דערמיט כדי ער זאל מצליח זיין, און צום סוף גייט אים דאס גאנצע לטמיון! נישט נאר די געלט איז אים געגאנגען לטמיון, ס'איז מיט געגאנגען א פאר יאר ארבעט וואס ער האט אריינגעלייגט אין דעם געלט, אלעס איז געגאנגען לטמיון. דאס געלט האט אים נאר**

**צוגעברענגט אומזינסטיגע פלאג, און צום סוף איז ער געבליבן מיט גארנישט. געלט וואס איז נישט ערליך ליגט נישט דערין קיין ברכה,** יעצט ביסטו מצליח, יעצט האסטו פארדינט, יעצט האסטו אנגעזאמלט נאך געלט, דו ביסט ארויסגעגאנגען מיט א פעקל געלט, וואס גייסטו טוען מיט דעם, דו וועסט עס נישט אויפעסן, דאס גייסטו אריינלייגן אין א געשעפט, דו דארפסט האבן א ברכה אין דעם געשעפט, און טאמער ס'פעלט די ברכה דערין, וועסטו זיך נאר פלאגן מיט דעם און נאכאמאל פלאגן, ביז צום סוף וועסטו פארלירן סיי דאס געלט און סיי דיין צייט און דיין פלאג וואס דו האסט אריינגעלייגט.

**לעומת זה, ערליך געלט, אפילו יעצט גייט ער ארויס מיט ווייניגער געלט, אבער ס'איז דא א ברכה אינעם געלט. ס'איז דא א ברכה אין זיין השקעה, און ער איז מרוויח שפעטער אין א פלאג.** כמה דרכים למקום וויאזוי דער אייבערשטער קען אריינשיקן א ברכה, און ס'בלייבט איבער דאס געלט, ערליך געלט, פאר אים און זיינע דורות. והיה ביום הנחילו את בניו את אשר יהיה לו. אשרי איש ירא את ה' במצותיו חפץ מאוד (תהלים קיב-א), דער וואס איז א ירא השם און ער זוכט די מצוות פונעם אייבערשטן, דער איז זוכה אז הון ועושר 'בביתו', דער הון ועושר גייט נישט אין דער ערד, דער הון ועושר וועט זיין בביתו אין זיין שטוב, ער וועט בלייבן מיט זיין פארמעגן, און ער וועט עס נישט שאדן האבן.

## גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך

**נישט** נאר ער וועט פארדינען דעם הון ועושר בביתו, נאר דער פסוק זאגט אויך גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך (שם), שטייט פון רבי מענדעלע מרימינוב זי"ע (הובא באגרא דפרקא אות קכו), אז מ'זעהט קינדער וואס אין דער יוגענט זענען זיי ערליך, און שפעטער ווען זיי ווערן גרויס ווערן זיי בורים ריקים, און ס'איז אפגעקילט ביי זיי עבודת השם, דאס איז ווייל מ'האט זיי געגעבן צו עסן פון נישט קיין ערליך געלט, פון דעם איז געווארן זייער גוף און זייער פלייש, פארלירן זיי שפעטער זייער ווארימקייט צו עבודת השם. די אידן וואס זענען יראי ה', אשרי איש ירא את ה' במצותיו חפץ מאד, 'מאד' איז דאך געלט, במצותיו חפץ מאד, אפילו אין געלט זאכן איז ער א ירא ה', און ער טוט וואס די מצוה פונעם אייבערשטן איז, ער געט אכט אז זיין געלט זאל זיין על דרך התורה, גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך.

**מ'זעהט וויפיל קינדער גייען היינט ארויס לתרבות רעה, ווער ווייסט אז מ'האט נישט די ברכה פונעם אשרי איש ירא את ה' במצותיו חפץ מאד, דאס געלט וואס מ'פארדינט איז נישט געווען ערליך, מ'האט צוגענומען א זאך וואס געהער פאר יענעם, מ'האט נישט אכט געגעבן געהעריג אין יענעמס געלט, און דאס האט מען אריינגעברענגט אין שטוב, מיט דעם האט ער געגעבן צו עסן פאר די קינדער, און דאס לאזט איבער נאכדעם א רושם,** אז ס'איז נישטא דער גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך.

## חינוך בזהירות נגיעה בממון חבירו משחר טל ילדותם

**מ'זאגט** נאך אויפן גאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל, אז א מנהל פון א תלמוד תורה האט אים אמאל געפרעגט, פארוואס מ'לערנט מיט קליינע קינדער פרק אלו מציאות, ס'וואלט כדאי געווען צו לערנען מיט זיי זאכן וואס איז זיי וויכטיגער צו קענען, לערנען מסכת ברכות, שבת, א קינד דארף מאכן א ברכה, ער דארף וויסן די הלכות פון שבת, דאס וועט אים זיין אסאך מער לתועלת ווי צו וויסן אז א מציאה צי עס געהער פאר אים צי ער דארף עס אויסרופן, פארוואס לערנט מען מיט קינדער אלו מציאות? האט ער אים געענטפערט, אזויווי ממון איז דאך נפשו של אדם מחמדתו, געלט ציט א מענטש, **דארף מען געוויינען קינדער ווען זיי זענען נאך גאנץ קליין, זיי זאלן וויסן אז מ'רירט נישט צו, צו יענעמס געלט.** יעדע פרוטה וואס איז דא האט בעלים, ס'איז דא א בעל הבית פארוועם ס'געהער, אז דו טרעפסט א מציאה, אפילו נאר א פרוטה, דארפסטו דו לייגן הארץ און פרעגן וועמענס געהער עס? איז עס מיינס, מעג איך עס נעמען, צי איך דארף עס אפגעבן פאר יענעם? און אויך וויאזוי מ'געט עס צוריק פאר יענעם, און נישט עס אריינלייגן אין טאש אריין. וועגן דעם דארף מען לערנען מיט קינדער אלו מציאות, ס'איז נישט קיין זאך וואס איז הלכתא דמשיחא, דאס איז נוגע פאר זיי צו וויסן אין זייער לעבן אז מ'רירט נישט צו, צו יענעמס געלט.

**און** דער אמת איז אזוי, ווי וויכטיג איז מ'זאל עס אריינלייגן אין קינדער ווילאנג מ'איז נאך יונג, והראיה מיר אלע האבן געלערנט אלו מציאות, מ'האט אונז שוין יא געלערנט קליינערדהייט וויאזוי מ'דארף אכט געבן מיט יענעמס פרוטה, און וויאזוי זעהן מיר אויס ווען ס'קומט צו יענעמס געלט. וויאזוי וואלט עס נאך אויסגעקוקט אן אלו מציאות ווען מען וואלט נאך נישט געלערנט... מ'דארף וויסן זיך אפצולערנען, יענעמס געלט נישט צוצורירן.

**מ'קען זעהן משפחות, ברידער, שוועסטערס, מ'האט געלעבט פופציג און זעבציג יאר בשלום, דער טאטע איז געשטארבן, נתפרדה החבילה, וועגן געלט איז צוטיילט געווארן די שטוב. זיי האבן פארלוירן נישט נאר זייער טאטע און מאמע, זיי האבן פארלוירן די גאנצע משפחה. מ'פארלירט געשוויסטער, ברודערס און שוועסטערס, און אלעס איז פאר געלט! פאר א פאר דאלער! און ס'איז נישט גענוג אז די געשוויסטער צווישן זיך האבן זיך געקריגט און זיי זענען צוקריגט געווארן, מ'נעמט זייערע קינדער און מ'לייגט אריין די קינדער אויך אין די**

**מחלוקת! מ׳זאגט אן פאר די קינדער פאר די אייניקלעך, מ׳טארנישט גיין צו יענעמס שמחה, איך האב מיט יענעם א סכסוך אויף געלט, די קינדער זאלן אויך צוברעכן צווישן זיך דעם שלום בית. ער שעמט זיך דאך, אז ער וועט זיין דער איינציגער בעל מחלוקת, די קינדער וועלן מיטהאלטן יענעמס שמחה און ער איז דער בעל מחלוקת, ממילא שלעפט ער מיט די גאנצע משפחה זאלן מיטהאלטן אין זיין מחלוקת מיט יענעם.**

**חברים, וואס זיי זענען געווען געטרייע חברים יארן לאנג, און ס׳איז געווארן א מחלוקת געשעפטליך, מ׳פארגעסט אלע טובות וואס מ׳האט געהאט פון יענעם, הונדערטער און טויזנטער טובות אין משך פון די יארן! אלעס איז וועגן געלט וואס מ׳האט זיך נישט מסדר געווען צווישן זיך, און ידידות פון יארן ווערט פארגעסן.**

## אם אין שלום אין כלום

**די** תוה״ק זאגט נאך די ברכות, ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו ונתתי שלום בארץ (ויקרא כו-ד), דאס איז די ענדע פון די ברכה. זאגט רש״י שמא תאמרו הרי מאכל והרי משתה, ס׳איז דא עסן און טרינקען, אם אין שלום אין כלום, אויב ס׳איז נישטא קיין שלום האסטו גארנישט, תלמוד לומר אחר כל זאת, האט די תורה געשריבן נאך די ברכות, ונתתי שלום בארץ, מכאן שהשלום שקול כנגד הכל. רוהיגקייט, שלום, דאס איז כנגד הכל. **א מענטש קען אמאל ארויסגיין מיט א פעקל געלט פון יענעם וואס ער האט צוגענומען, אבער ער באצאלט שפעטער א טייערן פרייז פאר דעם. מחלוקת און קריגערייען, ס׳איז נישטא קיין שלום אין חיצוניות צווישן די משפחה, און ביי זיך אליין האט ער אויך נישט קיין שלום, ער איז נישט רוהיג ווען ער האט צוגענומען יענעמס, ס׳פעלט ביי אים אליין דער שלום, ס׳פעלט ביי אים דער סיפוק, ס׳פעלט ביי אים דער שמחת החיים פון דעם ריס וואס ס׳איז געווארן אין די משפחה.**

**א** קעגן דעם, ווען איינער איז א מוותר. אדער ער איז מסדר די זאכן צווישן זיך בדרך שלום. גייט ער שטענדיג ארויס מיט ריוח, הבאת שלום בין אדם לחבירו איז פון די זאכן וואס אוכל פירותיהם בעוה״ז והקרן קיימת לו לעוה״ב, ס׳ליגט א ברכה נאכדעם אין זיין פארמעגן.

**ווען קינדער קוקן צו וויאזוי עלטערן האבן מוותר געווען אויף געלט, מ׳איז נישט ארויסגעגאנגען מיט א מחלוקת וועגן געלט, ווערן די עלטערן א מוסטער פאר די קינדער, ס׳לערנט אויס קינדער וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן. קינדער און אייניקלעך וועלן שטענדיג געדענקען דעם טאטען, דעם זיידן, וויאזוי זיין געלט האט אים נישט אוועקגעפירט פונעם ריכטיגן וועג, געלט האט נישט פארדרייט דעם קאפ, און ער האט מוותר געווען אויף געלט כדי ס׳זאל זיין שלום אינעם שטוב.** עס איז דאך סופן של דברים, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות אלא תורה ומעשים טובים בלבד.

**ס׳איז** דא אסאך מאל וואס מ׳שטייט און מ׳וואונדערט זיך, עשירים, זיי וויסן זיי וועלן קיינמאל נישט נהנה זיין מער פון דעם געלט אויף וואס מ׳קריגט זיך יעצט, זיי האבן זייער פרנסה בריוח, די קינדער האבן פרנסה בריוח, **מ׳דינגט זיך נאר צו דער געלט זאל זיין אין די באנק אויף זיין נאמען, צו די געלט זאל ליגן אין די באנק אויף יענעמס נאמען. סיי דו וועסט נישט עסן דערפון און סיי ער וועט נישט עסן דערפון, ביידע וועלן עס איבערלאזן דארט ביי די באנק**, ס׳איז נאר א נפק״מ צי די הויז איז געשריבן אויף מיין נאמען צי די הויז איז געשריבן אויף יענעמס נאמען. דו וועסט נישט עסן פון דעם הויז און דיינע קינדער וועלן נישט עסן פון דעם הויז, ס׳וועט איבערגיין שפעטער אז דיין אייניקלס נאמען זאל שטיין דערויף. און פאר דעם צאלט מען א טייערן פרייז.

**מען** דארף וויסן, געלט זאל נישט פארפירן דעם מענטש, ווייל מ׳דארף געבן דין וחשבון אויף יעדע פרוטה וואס מ׳האט צוגענומען פונעם חבר, און מ׳דארף זעהן מסדר זיין ביז ווילאנג מ׳האט די מעגליכקייט אלעס אליין.

## הכל מוטל על האדם לעשות כדי להחזיר גניבתו

**איך** האב שוין אמאל געזאגט, מ׳זעהט אין פרשת משפטים, די ערשטע דין וואס משה רבינו האט געלערנט מיט אידן נאך מתן תורה, איז דאך געווען בין אדם לחבירו, די פרשה פון משפטים. אין דעם האט ער געלערנט דעם ערשטע דין, די הלכות פון עבד עברי, די הלכות ווי מ׳קויפט אן עבד. מ׳ווייסט אז הלכות עבד עברי איז נישט אנגעגאנגען אין מדבר בכלל, נאר שפעטער ווען ס׳איז געווען שמיטה און יובל ווען מ׳איז אריינגעקומען אויף ארץ ישראל, ס׳איז אינגאנצען נישט געווען נוגע די הלכות פון עבדים אינעם מדבר, און דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס מ׳דארף לערנען מיט אידן די הלכות פון עבדים? נאר משה רבינו האט דא געוואלט לערנען אידן ווי ווייט מ׳דארף אכט געבן אז מ׳זאל נישט צורירן צו יענעמס געלט, און אז מ׳איז שולדיג פאר יענעם, דארף מען טוהן אלעס וואס ס׳איז בידו אז ער זאל נישט בלייבן מיט קיין חוב, ער זאל פאר יענעם צוריקגעבן זיין געלט.

**מיר** וויסן די פרשה פון עבדים איז, ווען א מענטש האט צוגענומען יענעמס געלט און ער האט נישט צו באצאלן, איז די הלכה אז בית דין פארקויפט אים פאר אן עבד, פאר א קנעכט, כדי ער זאל האבן געלט צוריקצובאצאלן פון וועם ער האט צוגענומען דאס געלט. דאס איז די פרשה פון עבדים. מ׳נעמט דעם מענטש וואס איז שולדיג פאר

יענעם, און מ׳זאגט אים, אז פון היינט אן גייסטו איבערלאזן דיין שטוב, דו וועסט איבערלאזן דיין ווייב און קינדער און דו גייסט יעצט טוען א מלאכה בזויה, דו וועסט ווערן אן עבד פאר יענעם, כדי דו זאלסט קענען צוריק געבן דאס געלט וואס דו האסט צוגענומען פון א צווייטן.

**ס׳איז** נישט גענוג אז ער איז א עבד בייטאג, נאר עובד את רבו ביום ובלילה (קידושין יד.), רבו איז אים מוסר א שפחה כנענית, און שפעטער האשה וילדיה תהיה לאדוניה, די קינדער בלייבן פארן אדון. רבו מוסר לו שפחה כנענית, ער גייט וואוינען יעצט מיט א שפחה וואס זיין רבי האט פאר אים אויסגעקליבן בעל כרחו, ער גייט האבן קינדער פון איר, די קינדער וועלן זיין גוים, עבדים כנענים וועלן זיין זיינע קינדער, און ער האט נישט קיין קשר מיט די קינדער, ווען ער גייט אוועק, לאזט ער איבער די קינדער ביי דעם אדון, די קינדער מיט זייערע קינדער עד עולם בלייבן נכסים פונעם אדון — און אלעס דארף ער טוען, פארוואס, צוריקצוגעבן א גניבה, ווייל איך האב צוגענומען ביי יענעם געלט.

**משה** רבינו האט געלערנט די הלכה די ערשטע. **בעפאר איך גיי מיט ענק לערנען פרשת משפטים, איך גיי מיט ענק לערנען די הלכות פון אכט געבן אויף יענעמס געלט, לערן איך מיט ענק די פרשה פון עבדים, עטץ זאלטס וויסן אז טאמער מ׳האט צוגענומען יענעמס געלט, פארלאנגט די תורה דו דארפסט טוען אלעס אין די וועלט, איבערלאזן דיין שטוב, גיין פארקויפן זיך פאר אן עבד, טוען א מלאכה בזויה, האבן קינדער וואס דו וועסט איבערלאזן פאר׳ן אדון, און צו לעבן מיט א שפחה כנענית, כדי דו זאלסט צוריקגעבן דאס געלט וואס דו האסט צוגענומען ביי יענעם.** פון דעם וועט מען פארשטיין ווי ווייט מ׳דארף אכט געבן אין די פרשה פון משפטים וואס ס׳איז אויסגערעכנט שפעטער, טוען אזוי ווי די תורה פארלאנגט.

## חומר איסור הליכה לערכאות

**ס׳איז** דא אסאך מאל מ׳ווערט נכשל מ׳גייט אין ערכאות, מ׳גייט אין געריכט ווען מ׳האט א סכסוך מיטן חבר. שטייט אין שו״ע (חו״מ סימן כו-א) אפילו נתרצו שני בעלי דינים לדון בפניהם, צוויי בעלי דינים שמועסן צווישן זיך אז לאמיר גיין צום קארט, מיר וועלן טוען וואס דער קאורט וועט פסק׳נען, שטייט אין שו״ע אז מ׳טארנישט. נישט נאר מ׳טאר נישט רופן יענעם אין קאורט, נאר אפילו ווען ביידע זענען נתרצה צו גיין. כל הבא לידון בפניהם הרי זה רשע, **ווער ס׳גייט אין קאורט אריין מיטן חבר אפילו מיט די הסכמה פון ביידע, איז א רשע, כאילו חירף וגידף, ער האט מחרף ומגדף געווען, והרים יד בתורת משה, ער האט אויפגעהויבן די הענט אויף תורת משה.**

**שטייט** אין הגהות רבי עקיבא אייגר (אין חושן משפט אויפן פלאץ אין סימן כ״ו) ווען א מענטש גייט אין קאורט און דער קאורט האט אים מזכה געווען, דער קאורט האט אים געזאגט אז דו ביסט גערעכט און מ׳דארף דיר געבן כך וכך, אבער על פי תורה וואלט זיך עס מיר נישט געקומען, נאר די קארט האט עס אים מזכה געווען, זאגט דער ר׳ עקיבא אייגר אז די געלט איז גזילה! **קאורט קען דיך נישט מזכה זיין מיט קיין געלט, און אויב דו וועסט מקדש זיין מיט דעם א אשה איז זי נישט מקודשת, די תורה פסק׳נט געלט פאר וועם ס׳געהער! א קאורט קען נישט פסק׳נען.** אויב קאורט האט געפסק׳נט אזוי ווי בית דין וואלט אויך אזוי געפסק׳נט, איז נישטא קיין גזילה. אבער ווען א מענטש פארדינט געלט ווייל קאורט האט עס אים געגעבן, און על פי תורה וואלט ער דאס נישט באקומען, איז דאס גזילה וואס מ׳האט גענומען פון יענעם.

## במה הארכת ימים ... וותרן בממוני הייתי

**מען** דארף געדענקן וואס די גמרא (מגילה כח.) זאגט, שאלו תלמידיו את ר׳ נחוניא בן הקנה, במה הארכת ימים, פארוואס ער האט מאריך ימים געווען, אמר להם וותרן בממוני הייתי, איך בין געווען א מוותר אויף מיין געלט, האט ער באקומען אריכת ימים. ווער ווייל נישט האבן קיין אריכות ימים. עס איז אסאך מער ווערד אריכת ימים ווי א פאר דאלער. וותרן בממוני הייתי, **מ׳איז א מוותר אויף ממון איז מען זוכה צו אריכת ימים,** דאמר מר, ווייל דער תנא האט געזאגט, איוב וותרן בממוניה הוה, איוב איז געווען א וותרן אויף זיין געלט. איוב האט זוכה געווען זאגט די גמרא, מעשה ידיו ברכת (איוב א-י), כל הנוטל פרוטה מאיוב מתברך (בבא בתרא טו:), נישט נאר אז איוב האט געהאט א ברכה, נאר מעשי ידיו, ערליך געלט וואס איוב האט געהאט, ווייל ער איז געווען א וותרן בממונו, איז אפילו ער האט געגעבן א פרוטה פאר א צווייטן, איז יענער אויך געבענטשט געווארן. וויפיל ווערט געבענטשט דער מענטש אליין ווען ער האלט דאס געלט פאר זיך און עס איז ערליך געלט, ער איז א וותרן אויף זיין געלט אז ס׳זאל אריינקומען א ברכה.

## נסיון הדור - ההשתמשות בכלים הטעכנולגיים

**איך** וועל מיט דעם ענדיגן, איך קען אבער נישט ענדיגן בעפאר איך וועל נישט מזכיר זיין, עכ״פ מיט קורצע ווערטער וועגן די היינטיגן נסיון וואס איז דא ביי אונז, די טעכנעלאגישע כלים, איבער׳חזר׳ן נאר אין קורצן. **מ׳זאל וויסן אז ס׳איז נישטא קיין היתר אין די וועלט אז מ׳קען נוצן א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין פילטער. ווען איינער האט סיי וואס פארא טעלעפאן, סיי וואס פארא טעכנעלאגישע כלי, וואס האט נישט אויף זיך קיין פילטער איז ער א רשע און א מומר לדבר אחד.** און אפילו אז מ׳דארף זיך יא באנוצן מיט א פילטער, איז

**אויסער דעם סמארט פאון וואס מ׳האט פאר געשעפטן, דארף מען האבן פאר זיך א פשוטן טעלעפאן, און איבערן טאג זאל מען זיך נישט דרייען מיט קיין סמארט-פאון, מ׳ווערט נאכדעם עדיקטעט דערצו און מ׳פאלט אדורך, מ׳דארף האבן פאר זיך א פשוטן טעלעפאן, ווען ס׳קומט די צייט וואס ער דארף עס האבן פאר געשעפטן דעמאלטס זאל ער נוצן דעם אנדערן טעלפאן פאר די געשעפט.**

**מען זאל זיך מונע זיין נישט צו נוצן דעם סמארטפאון אויף א פלאץ ווי רבים דרייען זיך, ס׳טוט אפקילען ביי יענעם וואס ס׳זעהט עס, דער און דער דרייט זיך אויף ארום מיט א סמארט-פאון און מ׳ווייסט נישט פונקטליך די סיבות דערפון. אז מ׳דארף עס האבן זאל מען עס נוצן ביי זיך אין געשעפט אבער ביי זיך אין קאר, נישט ארומדרייען זיך דערמיט ברבים.**

*

**מיר** שטייען יעצט אין די טעג וואס איז נאנט צו פורים, הדר קבלהו בימי אחשורוש, מיר האבן נאכאמאל מקבל געווען די תורה בשמחה, זאל דער אייבערשטער געבן מיר זאלן קענען יעצט אויך מקבל זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבב, מען זאל שפירן די געוואלדיגע זכיה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, דעם זכות דאס מיר קענען באדינען דעם אייבערשטן, מיר קענען לעבן אויף די וועלט א לעבן וואס איז נישט קיין הבל, א לעבן וואס איז אויסגעשטעלט זוכה זיין דערמיט צו חיי העולם הבא. החודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב, א פרייליכן חודש, א מוצלח׳דיגער חודש, עס זאל נתעורר ווערן אויף אלע אידישע שטיבער זיי זאלן זיין מלא שמחה, מיט פרנסה בהרחבה, מ׳זאל קענען מגדל זיין די קינדער לתורה, און זעהן דורות ישרים ומבורכים.

**מ׳ווייסט אין ארץ ישראל וואס עס גייט פאר, סיי וועגן גיוס בנות און סיי וועגן גיוס בני ישיבה, ס׳איז נישט פשוט וואס די רשעי ישראל האבן זיך פארלייגט, און ווילן חרוב מאכן דעם כלל ישראל, מ׳דארף מתפלל זיין אז זיי זאלן נישט האבן קיין שליטה אויפן כלל ישראל. מ׳זאל קענען ווייטער מגדל זיין די זוהן און די טעכטער צו תורה.** דער אייבערשטער זאל געבן אריכת ימים ושנים פאר יעדן איינעם, מיר זאלען אלע בקרוב זוכה זיין א קעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

## דברי מוסר בגנות שתיית משקאות המשכרים בקידושים וכדו׳

### שנאמרו בעריכת השלחן ביום הפורים העעל״ט

**עס** שטייט אין די מגילה ביום השביעי כטוב לב המלך ביין (א-י), די פסוק זאגט נישט אז עס איז געווען ׳טובי לב המלך ביין, זאגט די מדרש (אסתר ג-יא) ביי א גוי איז דען שייך טוב לב, עס איז נאר ׳כטובי׳ לב המלך, עס האט זיך אים געדאכט אז ער איז טוב לב. ביי אידן שטייט (מלכים א ח-סו) וילכו לאהליהם שמחים ׳וטובי לב׳, פאר זיי איז געווען גוט אין הארץ, א אמת׳דיגע שמחה, א שמחה וואס בלייבט אין הארץ, עס איז נישט נאר א שמחה וואס איז היינט, ס׳איז א שמחה וואס מען נעמט מיט אויף א גאנץ יאהר..

...**איך** וויל עס ארויסברענגען, עס איז געווארן לעצטענס א ענין פון שכרות, ביי פראסטע אידן, מען טרינקט, עס איז געווארן א וועלט פון טרינקען. ווען מען מאכט א קידוש דארף מען האבן די בעסטע וויינען, מען דארף האבן די בעסטע בראנפען, און מען טרינקט.

**דאס איז נישט קיין אידישע מדה!** מען קומט אהיים שבת בייטאג נאך קידוש פון בית המדרש, ער זאל זיין א שיכור אינדערהיים, **מיט דעם טוסטו ערציען דיינע קינדער?! דאס איז דיין הדרכה פאר דיין שטוב?! אז דער קינד קוקט אן איך האב א טאטע א שיכור, איך האב א טאטע וואס איז אנגעטרינקען. וואו זענען אונז אויף דער וועלט?! ווי נעמט א איד אויף זיך דעם אחריות אין גלות צו טרינקען און זיין שיכור?! עס איז קיינמאל נישט געווען ביי אידן.**

**אוודאי** האט מען געטרינקען אמאל, מען האט זיך געדארפט משמח זיין, און א איד דארף זיין בשמחה, אבער מיט א מאס, טרינקען און זיין שיכור איז נאר איינמאהל א יאהר, וואס עס איז דא א חיוב עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.

**מען** דארף דאס וויסען, און מוחה זיין דערויף. און שולדיג זענען די בעלי שמחה וואס שטעלן צו אזא שמחה, אז מען זאל קענען זיין שיכור ביים טיש, **דאס איז נישט קיין אידישער וועג, דאס איז א וועג פון גויים**, וואס זענען בהוללות און צעווילדעוועט, ער דארף קיינעם נישט מחנך זיין. ווען ער קומט אהיים אין שטוב קען ער זיין א שיכור און א צולאזטער מענטש, דאס איז ביי אומות העולם. ביי אונז אידישע קינדער, איז טרינקען נישט מער ווי איינמאל א יאהר.

**אין** ליובאוויטש האט מען געטרינקען אביסל מער ווי איינמאל א יאהר, אבער עס איז אויך געווען מיט א גבול. זיי האבן געלעבט אין שווערע ציטן, מ׳ווייסט אין רוסלאנד איז נישט געווען גרינג צו זיין א איד, מען האט געדארפט זייער אסאך אפפערן כדי מען זאל קענען זיין א אידיש קינד, מען האט געטרינקען און זיך משמח געווען, כדי צו קענען ארויסברענגען מער די געפילן צום רבוש״ע, אבער דאס קומט נישט צו דעם וואס מען טרינקט היינט, עס איז ממש מן השמים אל הארץ [הימל און ערד].

**מען** דארף זעהן אז בעלי שמחה, ווען מען מאכט א שמחה, זאל עס נישט זיין קיין שכרות און הוללות. א איד דארף טרינקען ווין נאר אין פורים, דאס מיינט ׳שמחים וטובי לב׳, מען זיצט און מען איז משמח מיטן רבוש״ע, אבער סתם צו טרינקען טאר מען נישט, **טרינקען דארף מען נאר ווען מ׳קען עס אויסנוצן צו עבודת השם.**

**ההפצה נתנדב לתועלת ולזיכוי הרבים בנדבת לבם הטוב**

מוה״ר **חס״ד** הי״ו • מוה״ר **וואלף מארקאוויטש** הי״ו

**זכות הרבים יעמוד להם להתברך בכל מילי דמיטב מתוך עושר ואושר וכל אשר יפנו יצליחו**